STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08201

IN GEZANG TSUM FOLK

Yitshak Libman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יצחק ליבמאַן

אין געזאַנג צום פאָלק

פאַרלאַג „וואָכנבלאַט"
ניו־יאָרק, 1953

Copyright, 1953
By Farlag "Wochenblat"
New York, N. Y.

Printed by
Grenich Printing Corp.
151 W. 25th St.
New York, N. Y.

אינהאַלט

ערשטער בוך
אין געזאַנג צום פאָלק

זייט

ניט שרייבן — נאָר שלייפן 7
העי, דערלייזער! 13
מזמור שיר לרוזוועלט 16
געמלכותטע אידן 20
צום נייעסטן רעקרוט 22
חד־גדיא חד־גדיא 25
צו אַ קרוב אין תל אביב 28
קוק, אַ, מענטש זיך צו צום פויגל 31
פון שטיל געזאַנג 32
אין פאָלקס־טאָן 34
מאָטיוו 36
וואַלס אין פרילינג 37
שפעט פרילינג 38
צו מענטש אַזאַ אין פינטעלע ניו־יאָרק 39
רעגן אין דעצעמבער 40
דאָס ליד פון פרעמדן ברודער 42
ס'איז יעדער טאָג אַ פורים 45
אין רייד צו אַ טאָכטער פון ישראל 47
דער פאַרשטויסענער פויער 49
צו לוי גאָלדבערג 53
צו דיר, — יאָסל קאָהן 54
ביים אָפענעם אָרון פון דר. גלאָבוס 55
פון שבת צו שבת ביז אייביקן שבת 56
אידיש קודש אויף די ווינטן 62

צווייטער בוך
עס רעדט די פרוי

זייט

עס רעדט די פרוי 67

דריטער בוך
וואַריאַציעס

אין אומרו־רגעס 83
בריוו 84
איך וועל פֿאַרלאָזן מיין זייגער 85
לבנה גאָטס נצחון 88
אַ זמר צום נסתר 90
יראה אין דיין צעלט 92
ווען עס נעענט דער טאָג 94
אין מעשה׳לע־שטאָט 96
צו אַ קינסטלער 97
די עוועניו באַווײנט דעם דיכטער 100
און עס וועט זיין אַ טאָג 104
וויוויוואַ 105
אין צייט פון חרטה 106
רחלס בלייכער אכזר 107
עליזה אין לאַנד עלידזייאום 108
די מאָדנע רייד פון דער קאָמסאָ־מלכה 110
מיט אָפענעם ניכטערן בליק 113
אין דערוואַרטונג 114
און דאָך... 115
שטאָט אַ בריוו... 116
ווי סערוואַנטעסעס אַ ריטער 118
דו ווייסט ניט פאַר וואָס... 120
נאָכוואָרט 125

ערשטער בוך

אין געזאַנג צום פאָלק

ניט שרייבן — נאָר שלייפן

א.

צו יעדן איינעם פֿון מיין פֿאָלק
אין לייד געלייטערטן, איך רוף:
ס'הילכט סיגנאַל פֿון דיין געפּאַר —
עס פֿלאַקערט באַלד דיין סאַמע גוף.

ס'איז ניט די צייט פֿון סתם געשרייב איצט, —
דאָס וואָרט דעם שווערד זאָל נעמען שלייפֿן;
ס'האָט שונא שענדלעך אונז באַטריגט,
זאָל פֿייל נאָך פֿייל אים נעמען גרייפֿן.

מיר שליסן שטילשטאַנד מיט לבנה,
מיר פּאַקן איין די שיינע רייד;
מיר נעמען זעלנעריש זיך גרייטן —
עס רייסט דער שווערד זיך פֿון דיין שייד.

ב.

די וואונדער אויף וואונדער פֿון ישוב
איז מער נאָך פֿון טויזנט־איין־נאַכט;
קיין מייסטער פֿון זיבענער קונסטן
האָט אַזוינס נאָך ניט אויסגעטראַכט.

בלייכע יונגען פֿון ישיבות,
אָן שום חכמה אין דער האַנט,
נעקומען בויען אַ מלוכה —
אויפֿלעב־טרוימער פֿון ווּיסט לאַנד.

איז געפֿאַלן ווער דאָ פֿון מאַלאַריע,
און ווער פֿון אַראַבישער קויל, —
האָבן נייע פֿאַרנומען דעם משמר
און ווייטער געשפּונען דעם קנויל.

האָט איינער געעגבערט דעם גליל,
אין ראַנגל פֿון פֿינגער מיט שטיין;
האָט צווייטער געוואַשן די זעמדלעך —
די זאַלציקע זאַמדן פֿון סדום.

און אַזוי האָט צעגרינט זיך דער מדבר,
און ווּיסטלאַנד פֿאַרנאַן איז אין בלי;
דער וואונדער פֿון מענטשנס יצירה
און סוד פֿון „בדמיך חיי!"

ג.

נאָר אויסער דעם באַרנשטיין און ווּיסטע,
און אַחוץ דעם געוואָי פֿון שאַקאַלן
האָט ארץ אַן אָנשפּאַר אויף ימען
און ים־מאַכט איז דעם ישוב באַפֿאַלן.

באַפֿאַלן מיט בריטישער גוטסקייט,
אונז בויען אַ שטאַט איז זי גרייט;
נאָר גלייך, מיט פּיראַטישער פֿלינקייט,
פֿאַרוועבט פֿאַר אונז נעצן פֿון טויט.

אַ רויבערין־מאַכט פֿון קדמונים,
געזונקען אין זינד ביזן תהום —
האָט גענומען אין רויב־שפּיל סעמיטן:
אונז טרינקען אין בלוט פֿון פּאָגראָם.

נאָר איד איז בטבע אַ בויער,
ער צילט ניט מיט פֿייל פֿון אַ קריגער;
האָט בטחון אין גאָט און אין מענטשן —
אין מענטשן מאַסקירט און באַטריגער.

און אַזוי האָט די ים־מאַכט מיט גוטסקייט
אונז געצערטלט מיט ביקס און מיט קנוט;
געוואָלט אונז מיט ליבע צעדריקן,
דערטרינקען אין ירדן פֿון בלוט.

און נאָך די ספּאַראַדישע שלאַכטן —
אַ מבול פֿון „ווייסע" פּאַפּירן
פֿון טשעמבערליין־צדיק און פּאַספֿילד,
חרטומים־שריפֿט, ניט צו שיפֿרירן.

ווערט אָנגעשפּיזט אידישער אויער:
ס'הילכט „מה מליל" דורך דער נאַכט;
און ס'ענטפֿערט פֿון בערג אונז דער עכאָ:
ישראל האָט איצט ערשט דערוואַכט!

ד.

פֿון בילו־יאָר און ביז תש"ו
שווינגט דעקאַדע נאָך דעקאַדע;
ענגלאַנדס מאַכט שטייט שאַרף אין קאָן, —
דער ישוב שיקט איר זיין ברינאַדע.

און דזשאַן בול געדענקט לאַנג אַ טובה:
ער פֿאַרשרייבט עס אין בוך פֿון געזעץ;
ער פֿאַרשטייפֿט פֿאַר די אידן דעם טויער
און ווייזט זיי אַ צונג פֿון אַ ליץ.

און פּלוצלונג דערזעט מען קלאָון־ענגלאַנד,
איר וואָרט־בוי — מאַריאָנעטישע ווענט;
מען זעט שוין, ניטאָ וועם צו טרויען —
נאָר מיט אייגענע אידישע הענט!

און די נעכטיקע אינגלעך, די בלייכע,
די נעבעכלעך, תמימים און שוואַכע
ווערן איינער אין איינעם גבורים —
מיט פּנימער אָפֿענע, וואַכע.

דעם שמשון־שפּרוך קען דאָ איעדער —
קיין מורא פֿאַר חיהשן רעווען;
מיר פֿאַרניכטן מיט שמייכל דעם צורר —
כן יאבדו אויך עטלי און בעווין.

ה.

איבער רואיקן, פֿרידלעכן ישוב
קנאַקט עראָפּלאַנישער גראַנער;
הילכט אומעטום אָפּ דער גראַנער —
ווערט פֿרידן אין אידישן לאַגער.

טאָ געטרייסט זיי, מיין אידיש פֿאָלק,
דיין קראַפֿט איז ווייט ניט וויניק;
פּיין האָט דיך אין שטאָל געשמידט,
דער פֿיינט האָט דיך פֿאַראייניקט.

און אין אַלע לענדער פֿון דער וועלט
טראָגן מיר די פֿאָן פֿון ישוב;
זיין שיקזאַל באַגורלט אונז —
זיין וואָרט באַלעבט אונז ווי אַ כישוף.

און ווען דער שונא פֿאַרכאַפּט וואו אַ ביקס
אין תל אביב צי אין משק יאַגור —
מיט רוף פֿון „ה׳ איש מלחמה"
הויבט זיך נייער געווער אין דעם לאַגער.

און אין הייליקן קריג קומט איעדער אריין —
און אויך די געבענטשטע היסטעריקע;
מיר רופֿן צום שארית־געוויסן פֿון וועלט,
און שפּאַרן זיך אָן אויף אַמעריקע.

ס׳איז דער שונא אַן אָפֿענער פּיראַט —
ער ווייסט גאָר דעם זין נישט פֿון שאַנדע;
פֿון מיליאָנען עדות רופֿען מיר צוויי:
דע וואַלעראַ און מאַהאַטמאַ גאַנדי.

און עדות רופֿן מיר די זעקס מיליאָן
ביים שלאָגן פֿון אידישן דעמער;
קיין מאַכט וועט ניט פֿירן אונז מערער אין
שלאַכט
אַזוי ווי צעשראָקענע לעמער.

עם בליען אויך אויף אין אונזער זכרון
די קדושים פֿון פּאַטריאַ און סטרומע;
אויך זיי וועלן גיין אין מאַרש פֿון דעם קאַמף
ביים אויפֿשטעל פֿון אידישער אומה.

און מיטגיין וועט יעטווידער איינער,
פֿון פּיאָנערישן שטומען און קרומען —
פֿון אַ ליאַדע פּוצער־יונג פֿון שיך
און ביז דעם פּרעזידענט טרומאַן.

ו.

צו יעדן איינעם פֿון מיין פֿאָלק,
אין לייד געלייטערטן, איך רוף:
ס'הילכט סיגנאַל פֿון דיין געפֿאַר —
עס פֿלאַקערט באַלד דיין סאַמע גוף.

ס'איז ניט די צייט פֿון סתם געשרייב איצט, —
דאָס וואָרט דעם שווערד זאָל נעמען שלייפֿן;
ס'האָט שונא שענדלעך אונז באַטרינקט,
זאָל פֿיל נאָך פֿיל אים נעמען גרייפֿן.

מיר שליסן שטילשטאַנד מיט לבֿנה,
מיר פּאַקן איין די שיינע רייד;
מיר נעמען זעלנעריש זיך גרייטן —
עס רייסט דער שווערד זיך פֿון זיין שייד.

***

איך שווער און באַשווער יעדן איינעם
אין נאָמען פֿון אייניציקן גאָט —
אַז ווען „הגנה" זאָל נאָר רופֿן
שטעלט זיך אין זעלנערשן טראָט.

1946

העי, דערלייזער!

זאָלן אָט־די פערזן, אין די איצטיקע טעג פון רעמונדירן די דייטשן, זיין אַ בלייכער ענטפער כאָטש צו די יעניקע פון אונז — צו געוויסע אידישע ראַדיקאַלן איבערהויפּט — וואָס זעען דעם זין פון אידיש זיין נאָר אין טראָגן ליכט צווישן די גאָרע אומות און נאָר ניט מיד ווערן אויף באַרגיקן וועג פון נישטערן זכותן אויף אַ ליאַדע מאָרגנדיקן מערדער אונזערן — אַ זכות אַפילו אויף „אַ גוטן דייטש". — י. ל.

העי, און הער, דערלייזער —
לעש אוים נאָר די לאַמטערן!
די נאַכט איז טאַקע אייביק,
און עס לעשן זיך די שטערן;
נאָר דיין טונקל־מונקל פלעמל
געניגט נאָר צו אַנטפּלעקן
דיין פּאַריאָך צו פוטער־זעמל
און ס'וועט שיין דיר קוים דערקלעקן
ביז שמאָלן שטעג צו דיינע שוועלן.

העי, און הער, דערלייזער —
שוין אָנגעגליט דאָס וואָרט איז
און כ'שליידער דיר'ס אין פּנים!
ווען אומה דיינע אבל'ט,
און פויסטן יונגע ביילן צו נקמה —
געפינסטו פינצטערע נחמה

אין האַק־און־שעפּלען*) פֿאָלקס תּליונים;
צעקרימסט נאָר ס'איינענע נשמה —
און שליסט יד־אַחת מיט דיין שונא?!

העי, און הער, דערלייזער —
ווייסט דעם מיין, דעם טייטש
פֿון אַ „גוטן דייטש"?
פֿרעג אַ ליאַדע ווינטל —
ער האָט ניט איינמאָל אַזאַ בינטל
אַש־צעברענטע קינדער־ביינער
אויפֿגעהויבן אין די הויכן
און פֿאַרוועבט זיי מיט די רויכן,
מיט די ריחות און די רוחות...

העי, און הער, דערלייזער —
אַנו, פֿאַרצי־זשע נאָר דעם ניגון:
„ווען דיין שטאַרקע האַנט נאָר וויל —
שטייען אַלע רעדער שטיל!"...
טאָ זינג־זשע הויך און קוש די האַנט
פֿון אָט־דער שטאַרקער האַסן־מאַכט
וואָס האָט אין הויב פֿון המן־פּאָן
צענישט דיין פֿאָלק, ביז ביין צעקראַכט
אַבי פֿאַרשטילט די זעקס מיליאָן...

העי, און הער, דערלייזער —
צי־זשע ווייטער פֿרעמדן ניגון,
שעפּ עקסטאַז אין פֿולע עמער —
און פֿאַרגיי אין וואַגנערס זמר;
און דערגיי צום טיף פֿון סופֿן —

*) פֿון העברעאישן אידיאָם: חוטבי עצים ושואבי מים.

אין די ווערק פֿון די הוני־זאָפּן;
אין ווערק פֿון ניטשע און פֿון פּיכטע
פֿון העגעלס אויסטייטש פֿון געשיכטע —
די געשיכטע פֿון געשיכטעס...

⁂

העי, און הער, דערלייזער —
לעש אויס נאָר די לאַמטערן!
די נאַכט איז טאַקע אייביק,
און עס לעשן זיך די שטערן;
נאָר דיין טונקל־מונקל פּלעמל
גענינט נאָר צו אַנטפּלעקן
דיין פּאַריאָך צו פּוטער־זעמל
און ס'וועט שיין דיר קוים דערקלעקן
ביז שמאָלסטן שטעג צו דיינע שוועלן...

מזמור שיר לרוזוועלט

א.

פּאַרזאַם, אָ מענטש, דיין טראָט פֿון האַסטן שטעל —
עס הויערט שוואַר־געטרויער איצט ביי יעדן
איינעמס שוועל.

ס'האָט אַ שוואַרץ־געהילטער רייטער
אין אַ פֿייער־בליץ געשפּאַן
צעשווינגט ערשט די בשורה — דעם טויט
פֿון גרעסטן מאַן.

דער מאַן וואָס האָט זיין פֿרידלעך פֿאָלק געפֿירט
אין האַרץ פֿון קריג,
האָט אָפּגעמעקט וועלטס גרעסטן שונא,
שוין אָט ביים ראַנד פֿון זיג.

און זעסט דעם שוואַרצן וואָגן דאָרט אין שפּאַן
פֿון גרויע פֿערד? —
דאָס גייט דער גוף פֿון עף־די־אַר צוריק
צו מאַמע ערד.

דער קאָפּ פֿון לאַנד אַמעריקע — אין וועלט
די גרעסטע מאַכט —
געפֿאַלן אַ מאַרטירער־העלד אין פֿלאַקער
פֿונם שלאַכט.

אין קאַמף מיט ווייטע לענדער, אויף שטעך
מיט היגע שונאים —
אַ וואונדער וואָס געפּלאַצט האָט מאַרך
פֿון הערלעכסטן מין פּנים ? !

עס האָט זיין ליכט, דאָס געטלעכע, זיך פּלוצים
אויסגעלאָשן —
און אַלט און יונג פֿון נאָרער ערד געבליבן איז אָן לשון.

איז דען דאָ וואָרט וואָס שפּיגלען קען די טיף
פֿון יעדנס צער ?
איז דען דאָ קאָפּ וואָס קלינגלען קען דעם זין
פֿון וויסטן גזר ?

טוען מענטשן תּפֿלה־טאָן, פֿאַרקלעמטע,
שווער־געבויגן —
צי קען מען דען באַלעבן ווען די קלוגע
רוזוועלט־אויגן ?

ב.

פֿאַרמייד, אָ מענטש, דיין קול פֿון הויך־געקלאַנג —
ס'איז וואונדיק נאָך דער ווי און שאַרף איז נאָך
דער באַנג.

זיין קאָפּ באַלויכטן האָט דאָס לאַנד און באַשטראַלט
די גאַנצע וועלט —
ער האָט דעם מענטש דעם מידיקן מיט נייעם מוט
באַזעלט.

און ווי דעם מענטש דערשלאָגענעם באַלעבט
האָט ער מיט גלויבן
אויך האָט ער פֿעלקער שפּל׳ע פֿון טאָל
אַרויסגעהויבן.

ס׳האָט דאָס מינדסטע פֿעלקעלע געבויט אַלץ
אויף זיין שכל —
אַז ער וועט תמיד ברענגען הילף — דער האַר
פֿון גנאַד און שמייכל.

ווײַנען פֿעלקער אויף דעם בראָך — אויף אייגענעם
עף־די־אַר —
ניט פֿאַרנומען האָט דאָס תהלימל שוין לאַנג
אַזויפֿיל צער.

און אין דעם כאָר פֿון וועלט־געוויין זונדערט אָפּ
אַ ליד —
ס׳איז מינאָר פֿון עלטסטן פֿאָלק — געיאָמער
פֿון דעם איד.

דער איד אין אויספּרואוו פֿון מין מענטש
און אין אומגאַנג מיטן שונא
האָט דערבליקט אין אים אַ גאולה־מאַן — אַ מאַן
פֿון גוטס און האַרץ אַ ריינע.

ג.

און דאָך פֿאַרהאַלט, אָ מענטש, דיין אויג
פֿון צו־פיל טרער —
צעשיידט פֿון אונז האָט זיך זיין גוף נאָר, —
דאָס וואָס ערדיש־שווער.

די נביא־רייד, זיין שמייכל, — זיין שיינער גייסט
גייט־אָן
און מיליאָנען וועלן קלאַמערן ביים פֿלאַטער
פֿון זיין פֿאָן!

גע׳מלכות׳טע אידן

הזורעים בדמעה —
ברנה יקצורו תהלים, קכ״ו

און ווי מיר זאָלן איצטער, גע׳מלכות׳טע אידן
דאָרשטיק ניט בלייבן נאָך וואָרט פון דער פען;
דער גם וועט אונז פירן, דער נם וועט אונז לויכטן,
באַשטראַלן דעם וועג פון אל־שדי׳ם געשען.

און וואָס עס זאָל ווייטער ניט זיין אונזער גורל,
באַשטימט איז אויף אייביק אונזער מלוכה׳שער גאַנג;
מיר האָבן ביז איצטער געוויינט נאָר, געיאָמערט, —
איצט הילכן און שאַלן זאָל אונזער געזאַנג.

געזאַנג אויף די פעלדער, ביים זייען און שניידן,
געזאַנג ביי די רעדער, ביים וועבערשן קנויל;
געזאַנג ביים באַגריסן, געזאַנג ביים צעשיידן, —
געזאַנג אויף דעם משמר, ביים ציען אַ קויל.

געזאַנג זאָל באַגלייטן די הגנה־קאָנוואָיען,
געזאַנג זאָל מושטירן דעם זעלנערשן טראָט;
געזאַנג ביים אַראָפּשים פון פיינטס עראָפּלאַנען,
געזאַנג ביים אַטאַקע, אין נצחון פון גאָט.

געזאַנג ביים אַריינקום פֿון שיפֿן מיט אידן,
וואָס האָבן, דורך דורות, געוואַרט אויף דער שעה;
געזאַנג פֿון די מאַרקעם פֿון מדינת ישׂראל,
געזאַנג ביי דעם פֿלאַטער פֿון ווייס־אונ׳ם־בלאָ.

געזאַנג פֿאַר אַ פֿאָלק וואָס קען שיין אַזוי בענקען,
און טרוימען נאָך לאַנד דורך טאָג און דורך נאַכט;
געזאַנג פֿאַר דער אומה, די עלטסטע פֿון פֿעלקער,
וואָס האָט ווי אַ יונגלינג אויפֿסניי אויפֿגעוואַכט!



צום נייעסטן רעקרוט

(וויגליד)

שלאָף מיין קינד, נאָר שלאָף ניט רואיק, —
עס רופט דיך פאָלק ביים טוי פון טאָג;
איז ווינ איך דיך מיט ביקס באַשולטערט,
ווייל שונא לויערט פון ליאַדע ראָג.

אַי־ליו, ליו־ליו, אַי־ליו, ליו־ליו, —
שלאָף מיין קינד, נאָר ניט אין רו.

שלאָף מיין קינד, נאָר וואַך אין דרעמל, —
עס וואַרט דיין פאָלק אויף דיר, יונג־איד;
געלאַנדט האָט שוין משיח'ס קעמל,
און שאָטנט איצט אין אידיש ליד.

אַי־ליו, ליו־ליו, אַי־ליו, ליו־ליו, —
שלאָף מיין קינד, נאָר ניט אין רו.

ס'האָט שופר־בלאָז צעבליצט די הימלען,
און פון נאָרער ערד — אַ היים צוריק;
די האַרף פון ווערב האָט צעטרעלט זיך ווידער,
און אונז פאַרפולט מיט טרער פון גליק.

אַי־ליו, ליו־ליו, אַי־ליו, ליו־ליו, —
שלאָף מיין קינד, נאָר ניט אין רו.

שלאָף מיין קינד, מיט אויגן אָפן,
ס'האָט ניט באַקומען אונז דאָס גליק;
אַ רויבער־פאָלק איז אונז באַפאַלן
ביים ראַנד פון דעם פּאַפּירן־בריק.

אַי־ליו, ליו־ליו, אַי־ליו, ליו־ליו, —
שלאָף מיין קינד, נאָר ניט אין רו.

שטרייטן פורכטיק אידן־העלדן,
יעדער איד — אַ לעגיאָן;
די וועלט וועט שטוינען פון אונזער גבורה —
אין קאַמף פאַר לאַנד, פאַר פאָלק, פאַר פאָן.

אַי־ליו, ליו־ליו, אַי־ליו, ליו־ליו, —
שלאָף מיין קינד, נאָר ניט אין רו.

און ביז דער פרידן וועט זיין געגרונטיקט —
איז יעדער איד אין זעלנערם ריי;
ס'וועט קעמפן הימל און שטרייטן — שטערן
ביז טריאומף פון גאָטס אַרמיי.

אַי־ליו, ליו־ליו, אַי־ליו, ליו־ליו, —
שלאָף מיין קינד, נאָר ניט אין רו.

טאָ שלאָף־ניט־שלאָף, דו זון־פון האָפן, —
ביזסט פאָלקס רעזערוו און זיין רעקרוט;

איך ליוליע דיך מיט ביקס באַשולטערט —
גיי, לייז אויס דיין לאַנד מיט בלוט.

אַי־ליו, ליו־ליו, אַי־ליו, ליו־ליו, —
שלאָף מיין קינד, נאָר ניט אין רו.

צום נייעסטן רעקרוט — ווערטער און מוזיק פון יצחק ליבמאַן



אַלע רעכט רעזערווירט פונעם מחבר

חד־גדיאָ חד־גדיאָ

(אַ מעשהלע אין פערזן לכבוד יום טוב)

מיט אות־געזאַנג פֿון איד־ליד!
— אָ, גאָט! אָ, גאָט!
צווישן וועלף ער גייט דער איד!
— אָ, גאָט! אָ, גאָט!

מיט דעם אלף־חלף־שווערד
— אָ, גאָט! אָ, גאָט!
זיין רום פֿאַרפֿולט די ערד
— אָ, גאָט! אָ, גאָט!

מיט דעם גייסט פֿון אלף־בית
— אָ, גאָט! אָ, גאָט!
ער צעטרייבט דאָס אַלדי־בייז
— אָ, גאָט! אָ, גאָט!

מיט קבלה־שאָרף פֿון גימל
— אָ, גאָט! אָ, גאָט!
דערפֿליט דער איד ביז הימל
— אָ, גאָט! אָ, גאָט!

ביי דעם דלת־שוועל און חיי
— אָ, גאָט! אָ, גאָט!

קלאָגט אוים דער איד זיין ווײ
— אָ, נאָט! אָ, גאָט!

ביי די אחים וואו און זייען
— אָ, גאָט! אָ, גאָט!
אַן עין — פֿאַר אַן עין!
— אָ, גאָט! אָ, גאָט!

פֿון חית און טית־געצעלטן
— אָ, גאָט! אָ, גאָט!
פֿאַרבינדט־צעבינדט ער וועלטן
— אָ, גאָט! אָ, גאָט!

דער זינג־ און טאַנץ־זיך יודל
— אָ, גאָט! אָ, גאָט!
איז קיניג אויך פֿון פּידל
— אָ, גאָט! אָ, גאָט!

מיט שפּרונג פֿון כאָף און למד
— אָ, גאָט! אָ, גאָט!
שפּרייט ער טעפּיכער פֿון סאַמעט
— אָ, גאָט! אָ, גאָט!

און אין פֿעסטונג פֿון דעם נון
— אָ, גאָט! אָ, גאָט!
אין פֿאַרמעסט אַזש אויף דער זון!
— אָ, גאָט! אָ, גאָט!

דער סמך־שוץ און עין
— אָ, גאָט! אָ, גאָט!
דעם וואַנדער־אידם כּלי־זין!
— אָ, גאָט! אָ, גאָט!

מיט גבורה פֿון דעם פּה
— אָ, גאָט! אָ, גאָט!
מיט געהויבן קאָפּ ער גייט!..
— אָ, גאָט! אָ, גאָט!

דער צדיק און דער קוף
— אָ, גאָט! אָ, גאָט!
אין אייביקן קאַמף־און־רוף...
— אָ, גאָט! אָ, גאָט!

דער ראש (ריש) ־צעשטראַלטער שין
— אָ, גאָט! אָ, גאָט!
פֿאַרלענדט דעם פֿיינט, דעם שפּין
— אָ, גאָט! אָ, גאָט!

און אַזוי קומט אָן דער תּו
— אָ, גאָט! אָ, גאָט!
צו די לויער־וועלף אַ סוף!
— אָ, גאָט! אָ, גאָט!

צו אַ קרוב אין תל אביב

א

ווי דו ווייסט שוין, מסתמא, ביז איצטער,
פֿון מײַנע דערהאַלטענע בריוו —
האָב איך נאָר, אין טרוימען־צעהיצטער,
אין חלום געזען תל אביב.

און כאָטש אין דעם לאַנד פֿון מיין שטאַמען
בין איך נאָך בכלל ניט געווען;
צאַפּלט מיין האַרץ זיך צוזאַמען
מיט אַלעם וואָס טוט דאָרט געשען.

און ווי שטאַרק ס'זאָל ניט מאַניען דאָס פֿאָרן
צום פּינטעלע ערד וואָס איז נאָענט און ווייט;
וועט גאָט נאָר מיר שענקען נאָך יאָרן,
וועל איך בקרוב דאָרט קומען אין צייט.

נאָר סיי־ווי בין איך דאָרט ניט קיין פֿרעמדער,
איך וואַנדער אין טרוימלאַנד פֿון האָפֿן;
מיינע פֿינגער, זיי צערטלען די שטיינדלעך, די זעמדער,
פֿון אילת, אין דרום, ביז דן וואָס אין צפֿון.

כ'זע, אין באַוואונדער, דעם שטאָל, דעם צעמענט,
כ'הער דעם צעקלונג פֿון אַ אידישן האַמער;

כ׳זע ווי מיט פּסוקים עס הויבן זיך ווענט,
ווי פֿריידיק עס טוליעט זיך קאַמער צו קאַמער.

אַט ערשט האָט געוויסטעט אַ ישוב,
אין ווילדן געשמאַי — בעדואינען;
און דורך נעכט וואַקסן שטעט, ווי אין כישוף,
אין דונער און בליץ פֿון מאַשינען.

כ׳זע דעם פֿאַרזאַמל פֿון שוועסטער און ברידער,
פֿון תימן, פֿון בבל, פֿון וואו־נאָר אַ לאַנד;
דער שטויב ווערט פֿאַרשווענקט פֿון די נייעסטע
לידער,
און ס׳ליכטיקט פֿאַר יעדן אַ בראשית — ביים ראַנד.

וועסט זאָגן, ניט אַלעס וואָס פֿלאַקערט איז פֿייער,
אַז אָפֿט איז עס נאָר אַ מיראַזש;
נאָר מיר איז וואָס אידיש — אַלץ טייער, —
אַפֿילו פֿון וואָר דער אימאַזש.

ב

נאָר אַזוי ווי עס פֿלאַטערט מיין האַרץ דאָרט צו מזרח,
און די בענקשאַפֿט, זי שטיינערט, און ס׳אָטעם ווערט
שווער;
האָט אַ שטיק פֿון ישראל, אַ טייל פֿון מדינה,
מיר אַנטקעגנגעקומען אַזש ביז יוניאָן סקווער.

אַז ביז איך וועל קומען צום אידישן ברעגלאַנד,
און בענטשן די יונגען וואָס בויען און שאַפֿן —
זיינען זיי גאָר פֿאַרלאָפֿן דעם וועג מיר אַ פֿריער,
מיט שיפֿן פֿון פֿלאָטע אין נאָרט־ריווער האַפֿן.

דער „משגב" און „הנגה", — צוויי פֿון די שיפֿן,
דער יחוס און שטאָלץ פֿון ישראלשער נייווי;
איך זע זיי געאַנקערט, אין וואַסערן טיפֿע,
אין זעגל פֿון פֿאָנען פֿון שמעון און לוי.

די מאַנשאַפֿט פֿון משגב — אַ הונדערט און צוואַנציק,
און די פֿון הנגה — איז אַכציק מאָל שטאַרק;
אַ יעדער מאַטראָס — ווי פֿון בראָנז אַ סטאַטוע,
מיט פֿייער אין טראָט און מיט בלוט אינם קאַרק.

בין איך האַסטיק געגאַנגען צו גריסן די יונגען,
די אידישע העלדן, די שלום־פּיראַטן;
בין נאָרניט געגאַנגען, נאָר אין שוועבן געזונגען
אַ שבח צום בורא פֿאַר די צוויי הונדערט יאַטן.

די בחורים קומען פֿון דרייסיקער לענדער,
נאָר אויך ווער געבאָרן אין אידישן לאַנד;
אַ יעדער פֿון זיי וועט שטום האַלטן שענדער
פֿון אידישן נאָמען — אים וואַרפֿן אין בראַנד.

ס'האָט לאַנג ניט גענומען, און כ'האָב זיך פֿאַרהיימישט
מיט שיף און מיט זעגל, ביזן העכסטן גראַד מאַן;
דו פֿילסט ניט דעם חילוק פֿון איינעם צום צווייטן,
פֿון מינדסטן מאַטראָז, ביזן גראַנד קאַפּיטאַן.

און אַזוי האָט דער דורשט פֿון מיין האַרץ זיך געלאָשן,
אין אַ טאָג פֿול מיט זון, און מיט זין, און מיט שאַץ;
ס'האָט אַרץ דערפֿילט די לייד פֿון אַ אידן,
און געשיקט אים נחמה אויף אַ זילבערן טאַץ.

לידער צום זינגען

קוק, אַ, מענטש, זיך צו צום פויגל*)

א

הויב נאָר, מענטש, דיין בליק צום הימל:
פויגל־רו אין פלאַטער
זייט־ביי־זייט מיט עראָפּלאַן;
נויג, אָ, מענטש, נאָר צו דיין אויער:
וואונדער־קלאַנג פון פויגל
ביים געזשום פון עראָפּלאַן;
ליב נאָר, מענטש דו, ליב די שעה פון דעמער,
פון שוואַנען־פלי אין נאָטם געפלאַן;
ליב נאָר, מענטש דו, ליב דעם פייגל־זמר
אין נעשווינג פון קאַראַוואַן.

ב

קום אַראָפּ איצט, מענטש, פון אויבן,
און זע ווי נעסט פון טויבן
ווערט פאַרליינט אַרום דיין טראָט;
ווי פון שטוב פון בלעטל־שפּענדל
קרייעט אוים אַ הענדל
זיין נעזאַנג מיט נאָטם גענאָד;
רוף זשע, מענטש דו, רוף צו שעה פון פרידן,
פון טויבן־רו אויף אונזער בייזער ערד;
בעט ביי נאָט אַ הילף פאַר מענטש דעם מידן:
פון זיין האַנט נעם צו די שווערד.

---

*) געשריבן אין ריטם פון באַרימט־וועדנדיקן ישראל־ניגון „צאינה, צאינה".

פון שטיל־געזאַנג...

א

מיט דיין „ניין" ביזסט פֿרעמד מיר ניט געוואָרן —
מיט דיין ניין...
עס האָט דיין „ניין" ניט אויפֿגעפֿלאַמט מיין צאָרן —
עס האָט דיין ניין...
איך האָב נאָר אויפֿגעוואַכט פֿון חלום —
האָב איך נאָר...
און מיט „באַשערט" געשלאָסן שלום —
מיט באַשערט...

ב

עס האָט דיין „ניין" פֿאַרסמט מיך ניט, פֿאַרווירט —
עס האָט דיין ניין...
אין דיין „ניין" — דער שטרענג־וואָרט פֿון אַ שיר —
אין דיין ניין...
איך האָב נאָר נייעם וועג באַטראָטן —
האָב איך נאָר...
און זיך געשטעלט דער וועלט אין שאָטן —
און זיך געשטעלט...

ג

און ווען עס רעגט מיין בלוט זיך אויף און זידט —
און ווען עס רעגט...

גייט אויף דיין נייןʺ ביי מיר אין טרוים־פֿון־ליד —
גייט אויף דיין ניין...
דאַן הילכט מיין טראָט אָפּ פֿעסטער אינם גאַנג —
אינם גאַנג...
און אינגל־האַרץ פֿאַרגייט אין טוי פֿון שטיל־
גערזאַנג —
פֿון שטיל־געזאַנג...



אין פאָלקס־טאָן

כ'האָב אומגערייזט אַ וואו אַ לאַנד,
מער קיין לאַנד איז ניט פאַרבליבן;
און דאָך פאַרגאַפּט איך שטיי ביים ראַנד,
ווי אַן איינגעלע פון זיבן.

כ'האָב מיטגעשטרייט אין וואו אַ שלאַכט,
כ'האָב קיין קריגער אויסגעמיטן;
פאַרלאָזט דעם טאָג, פאַרשפּילט די נאַכט,
ס'לעבן איז אַוועקגעריטן.

איך האָב צעאַקערט ניט איין פעלד,
אויפגעהויפט אַ יעדנס זאַנגען;
געטראָגן קרוין פאַר ליאַדע העלד,
זיינע טריט רק מיטגעגאַנגען.

טאָ ווער ט'פאַרזייען וועט מיין פעלד,
און פאַרבינדן מיינע גאַרבן?
ווער וועט אויפשלאָגן מיין געצעלט,
כאָטש אַ שעה פאַר מיין שטאַרבן?

אין פאלקס טאן

ANDANTE

ווערטער און מוזיק: יצחק ליבמאן



MOTIF

די קינסטלער פון מיין קרייז — אין ווידמונג.

קנויל איין דיין גוף אין לויטער קנויל
און טרוי אים אָן דיין אָרעם
(און טרוי אים אָן דיין אָרעם) ;
וועט לינדער ווערן דיר דיין גרויל
און אין דיין הערצעלע — וואַרעם
(וועט לינדער ווערן דיר דיין גרויל
און אין דיין הערצעלע — וואַרעם).

און אויפֿהעלן וועט נייער טאָג
מיט פֿרישן קנויל פֿון גלויבן
(מיט פֿרישן קנויל פֿון גלויבן) ;
ס'וועט אָנגיין ווער פֿון ליאַדע ראָג —
וועסט פּלוצים זיך דערהויבן
(ס'וועט אָנגיין ווער פֿון ליאַדע ראָג —
וועסט פּלוצים זיך דערהויבן).

קנויל איין דיין גוף אין לויטער קנויל
און טרוי אים אָן דיין אָרעם
(און טרוי אים אָן דיין אָרעם) ;
וועט לינדער ווערן דיר דיין גרויל
און אין דיין הערצעלע — וואַרעם
(וועט לינדער ווערן דיר דיין גרויל
און אין דיין הערצעלע — וואַרעם).

וואַלס אין פרילינג

(געווידמעט דער א י ד י ש ־טאַנצנדיקער יוגנט)

ס'האָט ווער ניט־ווי, ניט־וואָס
צערויבט ביי מיר די נאַכט;
דאָך קלעמט מיך ניט פאַרדראָס —
ביינאַנד האָ'מיר געוואַכט.

געוואַכט האָ'מיר ביינאַנד
אין שטילן שריי פון נאַכט;
ביז ס'האָט אונז צויבערלאַנד
פון הויז אַרויסגעשלאַכט.

אַרויסגעשלאַכט פון הויז —
אין נאַכטיקן געדריי;
וואַלסירט האָ'מיר אין קרויז —
איינס־צוויי, איינס־צוויי, איינס־צוויי.

איינס־צוויי, איינס־צוויי, איינס־צוויי,
עס שרעקט אונז ניט געפאַר;
פאַרבלייבט איז איצט דער ווײ
אין טאַנץ פון חכם־נאַר.

ס'האָט ווער ניט־ווי, ניט־וואָס
צערויבט ביי מיר די נאַכט;
דאָך קלעמט מיך ניט פאַרדראָס —
ביינאַנד האָ'מיר געוואַכט . . .

שפּעט פֿרילינג

און ווידער פֿרישט מיך פֿרילינג אויף,
און זוכט יונג־וואָרט מיינס צו פֿאַרמאַניען;
אין שפּעטער שעה טוט ווער אַ רוף:
דיין גוף פֿאַרבלענדט אין גלי פֿון וויאַנען.

און ווידער טוט דאָס בלוט אַ זיד,
פֿאַרגעסט אָן מענטש, אָן פֿאָלק און אַלע וועלטן;
דיין זעל פֿאַרוואַנדלט ווערט אין ליד —
ווילסט ניט בענטשן, ווילסט ניט שעלטן.

און ווידער פֿיבער־פֿרילינגט אויף מיין יעדעם גליד
אין דינסט־היפּנאָז פֿון אַ צעטאַנצנדיקן האַר;
דער אַל־געשאַף צעווירבלט זיך אין טאַנץ־יאַריד,
ביז ס'פֿאַלט פֿון דריי אַרוים אַ יובלדיקער נאַר...

: : :

און ווידער פֿרישט מיך פֿרילינג אויף,
און זוכט יונג־וואָרט מיינס צו פֿאַרמאַניען;
אין שפּעטער שעה טוט ווער אַ רוף:
דיין גוף פֿאַרבלענדט אין גלי פֿון וויאַנען.

צו מענטש אַזאַ אין פּינטעלע
ניו־יאָרק

אין אַ פֿאַרוואָלקנט טאָג אַזאַ ווי היינט,
איז דיר אַיעדער איינער, דאַכט זיך, ליב,
אין אַ טאָג אַזאַ, וואָס כמורנע איז און טריב,
איז, דאַכט זיך, יעדער איינער דיר אַ פֿריינט.

און דאָך, אין גרויל, עס שטאַרט דיין בליק,
און זוכסט אומזיסט אַ פּיצל אָרט,
פֿאַר אָנלען פֿון דיין איינזאַם וואָרט,
פֿאַר אויפֿשפּיל פֿון אַ רגע גליק.

נאָר ווען דיין אויג דערבליקט ביז סוף פֿון ראַנד,
צעבליצט פֿאַר דיר זיך אומגעריכט אַ וואַרעם ליכט,
און עס שיילט פֿון דאָרט זיך אויס אַ מענטשס
געזיכט,
און עס רוט דיין וואָרט שוין איצט אויף היימיש לאַנד.

רעגן אין דעצעמבער

מיט אָדע צום דעצעמבער,
מיט נאַר פֿון שניי אין טראָט;
איילט זיך מענטש פֿון גורל,
מיט תביעה צו זיין גאָט.

מאָנט ביי גאָט זיין לעבן,
צילט זיין וואָרט צום האַר;
און אָט צעפּראַלט זיך הימל,
און מענטשעלע בלייבט — נאַר:

— רעגן אין דעצעמבער? —
פֿרעגט זיין בליק, און שטוינט;
— און דיין איינן לעבן —
האָט אַלצדינג זיך געלוינט?

— רעגן אין דעצעמבער? —
שטאַרט זיין אויג, ווי בלינד;
— און דיינע פֿיר־פֿינף איילן —
ס׳איינן הויזגעזינד?

— רעגן אין דעצעמבער? —
שטוין ניט, מענטשן־בליק!
נעם פֿאַר ליב דיין גורל,
טריבן גרויל — פֿאַר גליק.

— ס׳גרויליקט יעדן איינעם,
ס׳אי זעלטן־וואו דאָ פֿרייד;
קיין יום־טוב ניט ביי קיינעם,
נאָר צער — אין יעדנס רייד.

טריפֿט און טריפֿט דער רעגן,
וואונדיקט זיך דער וויי;
טריבע טעג אַנטקעגן —
יעדן אין זיין ריי.

דער פּויער וויינט אויף רעגן,
דער שטאָטישער — אויף שניי;
און וואַנדערער אויף וועגן
עכאָט אוים זיין וויי.

— רעגן אין דעצעמבער? —
פֿרעג ניט, מענטשן־קינד!
פֿאַרזינגלט איז דיין גורל —
ס׳איז ווי דיר און ס׳איז ווינד.

דאָס ליד פון פרעמדן ברודער

(פון דער סעריע: „לידער צום זינגען")

און אָפט, ווען היים ווערט ענג דיר,
דו טרעפסט זיך ניט קיין אָרט;
ווילסט צוטוליען אַ פרעמדן,
אים איינרוימען דיין וואָרט:

— הער, פרעמדער ברודער,
צו וואָס דיין גרויל־נערודער,
דיין שמאַיען און דיין יאָגן —
סע דויערט קוים אַ טאָג?..

און אַזוי אַרום פאַרגייסטו
ביז ווייטסטן וויט פון סוף:
דו זוכסט מיט ליכט אַ מענטשן —
ווי יענער פילאָזאָף...

— הער, פרעמדער ברודער...

נאָר מערער מענטש צעמערט זיך,
מער עסט אים אויף זיין האַס;
עס נעמט דיך באַלד די מורא —
אַ וויז טאָן זיך אין גאַס...

— הער, פרעמדער ברודער...

ביים ראַנד וואַקסט אוים אַ שטיבל,
מיט טישלעך צוויי אויף צוויי;
און ס'פּינקלען אויף צוויי פֿלעשער,
מיט יום טוב־טראַנק אין זיי...

— הער, פֿרעמדער ברודער...

כ'זיץ מיט פֿרעמדן מענטשן,
מיר קוקן זיך ניט אָן;
איינער — ווי אַן ענדיק
דער צווייטער ווי אַ האָן...

— הער, פֿרעמדער ברודער...

ביים ערשטן הויב פֿון גלעזל —
כ'ווער דעם גלייכגילט אָן;
דער אָנבלאָז ווערט צעבלעזלט —
עס פּלאַצט אַ קעניגס טראָן...

— הער, פֿרעמדער ברודער...

ביים צווייטן ריר פֿון כּוסה —
צעוואַרעמט זיך מיין פֿריינט;
זיין פּנים ווערט צעליכטיקט,
ווי גייסט וואָלט אים באַשיינט...

— הער, פֿרעמדער ברודער...

ביים דריטן קלונג פֿון גלעזער —
דער צווייטער טראָן פֿאַלט אום;

דער איד און דער כינעזער —
זיי האַלזן זיך אין שטום...

— הער, פֿרעמדער ברודער...

און ווי דורך צויבער־גלעזל —
די פֿרעמדקייט וואָלט צעגליט;
דער איד — ווי דער כינעזער,
און ס'לעבן — ווי אַ ליד...

— הער, פֿרעמדער ברודער...

ס׳איז יעדער טאָג אַ פּורים...

(פון דער סעריע: אין רייד צו אַ טאָכטער פון ישראל)

א

איך זאָג דיר, ס׳איז יעדער טאָג פּורים,
און יעטווידער טאָג איז אַ נס;
ווייל טאָג וואָלט איך טייטשן אַ שטורעם,
און נאַכט — אַ פאַרשטיל פון פאַרמעסט.

ב

אָט האָב איך מיט נעכטיקן כוח
געפּורימט אַליין, אין דער וואַנדער;
און ס׳עגבערט מיך היינט שוין דער מות,
מיין הערצל צעפּלאַצט שיר פאַנאַנדער:

פון וואַנען וועט קומען גאָטס געבן?
צי וועל איך באַזינגן דעם טאָג? —
צו קענען דערטראָגן דאָס לעבן,
ניט פאַלן ביי ליאַדע־וואו ראָג?

ניט יורש פון טראָנען און אוצרות,
אויך נביא איז מיין וועג ניט פאַרלאָפן;
נאָר טאַטנס בטחון — געירשנט,
און איינציקער גאָט זיינס — מיין האָפן.

נאָר גאָט, אָ! ער זעט דאָך מענטשם וועגן,
פֿון אים איז דאָך גאָרניט פֿאַרהוילן;
ער ווייסט, אַז מיין ערדיש פֿאַרמעגן
איז שטויביקע צווי מאָל פֿיר איילן.

ג

דערפֿאַר איז מיין יעדער טאָג — פּורים,
און בקר, אין אויפֿוואַך, — אַ נס;
קאַיאָר — אַ הקדמה צו שטורעם,
און ערב — פֿינאַל פֿון מעת־לעת.

אָט־דאָס איז מיין גורל עד־היום,
אַז מיט שטורעם זאָל ברויזן מיין וועג;
בין מקבל דעם גזר משמים —
ביז לעצטיקן טאָג פֿון די טעג.

אין רייד צו אַ טאָכטער
פון ישראל

א

איך וואַג דיר צו זאָגן
אַ גענוצטן שוין וואָרט;
דאָס וואָרט האָט געלאַנדעט
אַ וואו נאָר אַ פּאָרט.

אַ וואָרט וועגן זין
פון אַ פּיצעלע זון, —
ווען מענטש איז אין קלעם,
אָן אַ וואו, אָן אַ וועם.

ב

און אַ טאָג פון געפּעכטן
איז אָט־איצטער געווען;
פאַר דעם ווייַ פון גערעכטן
האָט געפּעדערט מיין פּען.

און זעסט דאָך, מיין פריינט,
דעם סוף פון דעם נעכטן:
ס'האָט זון זיך צעשיינט
אויף גוטן און שלעכטן.

פֿון נעכטיקן שטורם,
און האָגל, און ווינט —
איז וועלט ניי געפֿורעמט,
אַן ערשטלינג, אָן זינד.

ג

געדענקסט מיינע רייד
אין נאַכטיקן טאָג ?
געהיילט וועט די לייד
זיין — פֿון עמיצנס זאָג.

אַ זאָג, צי אַ בליק
נאָר, אין וועמעס געזיכט —
און מענטש איז באַגליקט
ווי פֿון הייליקן ליכט.

דער פאַרשטויסענער פויער

גשווידמעט אַ פריינט...

א.

דער פאַרשטויסענער פויער,
פון ווינקל אין זינד,
איז שטענדיק אין וואָגל —
אַזוי ווי דער ווינט.

פון דערפל דורך וועלדער
און אַ שפּאַן ניט צוריק;
ער שלייכט זיך דער בעטלער
מיט לויער אין בליק.

און גענגט ער וועמען —
פאַרהילט ער ס׳געזיכט;
דער פנים־אין־לויער
מוז ווייט זיין פון ליכט.

ער שוואַרצט טאָג אויף שליאַכן,
און נאַכט זיין — איז בוים;
דערגיין ביז צום מלך —
זיין גליאיקער טרוים.

דער קאָפּ פון מדינה
זיין האַרץ איז, אָ, ריין;
ט׳אים שענקען אַ נחלה —
אַ ווינקעלע קליין.

נאָך יאָרן פֿון וואָגל —
אים צוקט ניט פֿאַרדראָס;
ביז צויבערערם הענטל
דערפֿירט אים צום שלאָס.

ב.

דער מלך איז אַ חכם
ער צעקנוילט אַלץ ביז באַשייד.
נאָר דער־אָ־תם, דער בעטלער —
ער באַנעמט ניט זיינע רייד:

— אָ, פֿאַרשטויסענער, דו בעטלער,
פֿון ווייגל ביזסט אין זינד;
פֿאַרוואָס איז גורל דיינער
וויסטער נאָך פֿון ווינט?

— אָ, גנעדיקער, דו מלך,
פֿון לאַנד ביזסט אונזער האַר, —
צי טוסט דען ניט פֿאַרנעמען
די רייד פֿון טיפֿן צער?

— אָ, בעטלער, דו געהילטער,
אין מאַסקע פֿון אַ לאַם,
איז פֿאַלש ניט דיין געציטער,
און איז ניט בליק דיינם — סם?

און בעטלער, רק ער טענהט,
און ניט ער רירט פֿון אָרט;
און שפּילט אויף צאַרטער האַרפֿע —
אויף האַרף פֿון קנעכטיש וואָרט.

ג.

פֿון ערגעץ און ניט־דאָ־אָ,
און גאָר אָן אַ פֿאַרוואָס —
דער זינד־געהילטער פֿויער
איז אין האַרץ שוין פֿון דעם שלאָס.

ער מעסט שוין אוים דעם פּאַלאַץ, —
פֿון דער הויך און ביזן דיל;
איז קלינער פֿון דעם קעניג —
איז ביים שוועל באַלד פֿון זיין ציל.

און בעטלער, ווי אַ חיה,
אויף אַלע פֿיר ער קריכט,
און שמייכעלע צעבליט זיך
אויף קלאַונישן געזיכט.

און דער מלך, אָ, ווי ווייסט ער
דאָס האַרץ פֿון וויסטן קנעכט;
לייענט ער זיין מוח
און זעט איצט גאָר זיין שלעכטס.

נאָר קנעכטעלע, ער שלענגלט
אין דרייען זיך אַרום;
שפּילט ער מיט די אויגן
תמ'יש גאָר און פֿרום.

— דו זעסט דאָך, האַר, דו חכם,
כ'בין טויב און שיר־ניט שטום;
און מער נאָך פֿון אַן אייזל
איז קעפּל מיינע דום.

און זינגרייכער געשמייכל
בליט אויף קלאַוניש גרים:

— איבער אַל־דעם וועט רעגירן
ס'קנעכטעלע אָן „אים".

ד.

און דער מלך איז קלוג
און אויג זיינס איז וואַך;
ער זעט אים, דעם בעטלער,
דורך חשבות פֿון נאַכט.

ער זעט ווי עס שמאַיעט
דער בעטלער־פּאַרשוין, —
ווי ער קריכט אום אין פּאַלאַץ,
דערקריכט אַזש צום קרוין.

איז ווי נאָר דאָס קרוינדעלע
רירט אָן זיין קאָפּ —
באַפֿאַלט אים אַ פּחד:
פֿירט פֿון זין אים אַראָפּ.

ה.

דער פֿאַרשטויסענער פּויער,
פֿון ווינקל אין זינד,
איז שטענדיק אין וואָגל —
אַזוי ווי דער ווינט.

נאָר בעטלער, געצירטער,
אין קיניגלעך קרוין,
איז איצט אויך פֿאַרשטויסן
פֿון איינגן געביין.

צו לוי גאָלדבערג

אָ, יום־טוב׳דיקער לוי, ברודער לצרה, אין שפּאַן
פון דער פּען!
עס איז מיט אונז ביידן די וואונדערסטע מעשה
געשען.
עס האָט אונז איין גורל פון דערפּעלע־שטעטל
דערבראַכט
צום האַר פון די לענדער, צום האַרץ פון אַל־כּרך.

און נאָענט איז גלייך אונז געוואָרן ניי־לאַנד,
ווי מיר וואָלטן נאָך קינדווייז געשפּילט דאָ אין זאַמד...
דער חן פון ליב־שטעטל האָט אויך דאָ אונז באַגלייט,
און לעמפּלשער שיין האָט אויך הי אונז דערפרייט.

דעם טאַטנס פּאַרזאָג האָט גערעדט דאָ צו אונז
פון אַ יעטווידן טראָט,
דאָס מאַמעשי וואָרט פון געבעט האָט ניט איינמאָל
געשיצט אונז אויך הי קעגן איר נאָט,
און עס איז אונז, ווי אַ זיווג, געלונגען צו פאָרן
דעם טרוים פון דער יוגנט מיט רייפקייט פון יאָרן.

צו דיר, — יאָסל קאָהן

מיט „יאָסל, יאָסל,” פלעגן קלוגינקע חברים דיינע
אין אָט־נעבעכטיקן אַמאָל
דיך באַדויעריש באַזינגען אויף די ראָגן,
אין די ווינקעלערס און קאַפייען;
נאָר איך פלעג אַרויסהערן פון דיין
כלומרשט־שרייעדישן קול
דעם חוזק פון אָט־די אַלץ־וויסערישע לייט,
פון אָט־די קאַרפּן־קעפּ — די קאַריפייען.

ווען דו ביזסט אינגל אויף אַן אמת'ן נאָך געווען,
און בושה, איינגעבאָרענע, האָט זיך אַליין
פאַרראַטן אין יעדן ווינקל פון דיין פנים, —
פלעגסטו מיט פרואוו פון שאַרפן כוס
באַרוישן זיך, באַמוטיקן דיין פּען
כדי דער שקר־מענטש, אין שוואַרץ, דערזען
זאָל ווערן — ווי איינער פון די שונאים.

און איצט, יאָסל ברודער, ווען דו ביזט, אין יאָרן,
ווייט שוין ניט קיין אינגל,
און דו מיידסט, אין שטרענגקייט, אוים באַרוישנדן
געטראַנק און עקספּלאָזיוון טראָט, —
הויערט אַלץ נאָך בושה, אינגלשע, אידישע,
אויף דיין איצטיק אויסגעקאַרבטן פנים,
ווילסט גנעדיק זיין צום נאַר־דעם־שונא, פאַרגעבן
אים, און אויך פאַרגעבן זאָל אים גאָט.

ביים אָפענעם אָרון פון ד"ר. גלאָבוס

זיי זאָגן מיר, אַז היינט
געשען איז דיין פאַרגיין;
און איך זאָג דיר, מיין פריינט,
עס קען ניט זיין! אָ, ניין!

און זע איך איצט אין שריפט
געהילט ביזסטו אין שוואַרץ;
דאָך הער איך ווי עס טריפט
נאָך לעבן אין דיין האַרץ.

און שטיי איך ביי דיין אָרון
מיט הספד־וואָרט נאָך דיר;
איז ווי איך וואָלט געשוואָרן
אַז דו גייסט צוריק מיט מיר.

און אָט, ט'מען באַלד דיך טראָגן
אויף נאַכטיקן הייליקן אָרט;
נאָר מיט מיר דיין שם וועט טאָגן,
און אייביק פריש — דיין וואָרט.

פון שבת צו שבת ביז אייביקן שבת

אָ, ווי זון, זי זעצט זיך, און זי שווינדט!
און שווינדט! (כאָר)
אָ, ווי זון, זי זעצט זיך, און זי שווינדט!
און שווינדט! (כאָר)
און מאַן פון מי וואַשט אָפּ פון זיך די זינד!
די זינד! (כאָר)
און מאַן פון מי וואַשט אָפּ פון זיך די זינד!
די זינד! (כאָר)
אָ, די זינד! אָ, די זינד! אָ, די זינד! (כאָר)

און אָט איז זון פאַרזונקען שוין, פאַרגאַן!
פאַרגאַן! (כאָר)

און אָט איז זון פֿאַרזונקען שוין, פֿאַרגאַן!
פֿאַרגאַן! (כאָר)
און איבער וועלט גייט אויף דעם אידם געזאַנג!
געזאַנג! (כאָר)
און איבער וועלט גייט אויף דעם אידם געזאַנג!
געזאַנג! (כאָר)
אָ, געזאַנג! אָ, געזאַנג! אָ, געזאַנג! (כאָר)

ס'איז דאָך שבת היינט ביי אידן!
שבת היינט! (כאָר)
ס'איז דאָך שבת היינט ביי אידן!
שבת היינט! (כאָר)
אוים יערידן, מיט האַרמידן!
שבת היינט! (כאָר)
אוים יערידן, מיט האַרמידן!
שבת היינט! (כאָר)
שבת היינט! שבת היינט! שבת היינט! (כאָר)

ס'איז דאָך שבת היינט ביי אידן!
שבת היינט! (כאָר)

ס'איז דאָך שבת היינט ביי אידן!

שבת היינט! (כאָר)

ניט צו שמידן, ניט צעזידן!

שבת היינט! (כאָר)

ניט צו שמידן, ניט צעזידן!

שבת היינט! (כאָר)

שבת היינט! שבת היינט! שבת היינט! (כאָר)

ס'איז דאָך שבת היינט ביי אידן!

שבת היינט! (כאָר)

ס'איז דאָך שבת היינט ביי אידן!

שבת היינט! (כאָר)

זאָל דאָ הערשן רו און פֿרידן!

שבת היינט! (כאָר)

זאָל דאָ הערשן רו און פֿרידן!

שבת היינט! (כאָר)

שבת היינט! שבת היינט! שבת היינט! (כאָר)

און וועט שבת קומען ווידער!
שבת טוב! (כאָר)
און וועט שבת קומען ווידער!
שבת טוב! (כאָר)
וועט מען הערלעך זינגען לידער!
שבת טוב! (כאָר)
וועט מען הערלעך זינגען לידער!
שבת טוב! (כאָר)
שבת טוב! שבת טוב! שבת טוב! (כאָר)

ביז ליטערונג פֿון מענטש דורך נביאם וואָרט!
אָ, וואָרט! (כאָר)
ביז ליטערונג פֿון מענטש דורך נביאם וואָרט!
אָ, וואָרט! (כאָר)
און יעדער איינער וועט דערזען זיין אָרט!
זיין אָרט! (כאָר)
און יעדער איינער וועט דערזען זיין אָרט!
זיין אָרט! (כאָר)
אָ, זיין אָרט! אָ, זיין אָרט! אָ, זיין אָרט! (כאָר)

איביקן וועט טאָג פֿון כולו גוטס!

אָ, גוטס! **(כאָר)**

איביקן וועט טאָג פֿון כולו גוטס!

אָ, גוטס! **(כאָר)**

עבד־מענטש וועט זיין באַפֿרייט, באַרוט!

באַרוט! **(כאָר)**

עבד־מענטש וועט זיין באַפֿרייט, באַרוט!

באַרוט! **(כאָר)**

אָ, באַרוט! אָ, באַרוט! אָ, באַרוט! **(כאָר)**

יצחק ליבמאַן

פון שבת צו שבת ביז אייביקן שבת

(הימנע. פאַר סאָלאָ און כאָר)



אידיש קודש אויף די ווינטן

(די שבועה פון אידיש)

א

נעלאָדן מיט פייער פון קדושה,
האָט אידיש געוואַרעמט, באַהיט;
און זעט, ווי די גרויסע ירושה
צעטראָטן ווערט אונטער די טריט!

ב

מיר זיינען די פעכטער,
מיט חוזקס געלעכטער,
מיט צינגער, מיט שטומע,
מיר קומען באַלד אָן;
מיר זיינען די שעכטער
פון זין און פון טעכטער;
מיר טענצלען ווי קרומע
ביים אונטערגאַנג־פאָן! —
אונטערגאַנג־פאָן!!

ג

פון ריין ביז אַל־לאַנדישע ברעגן, —
אַ מעשה פון באַלד טויזנט יאָר, —

ווי אידיש פֿאַרקלינגט אַלע װעגן,
געצערטלט פֿון דור ביז צו דור.

מיר זיינען די פֿעכטער . . .

ד

די מצוה פֿון פֿריידיקן טענצל
פֿאַרשליידערט האָבן מיר אויף צוריק;
און אַלץ וואָס איז אידיש צעטרענצלט, —
פֿאַרברענט הינטער זיך יעדן בריק!

מיר זיינען די פֿעכטער . . .

ה

מיר זיינען די העלדישסטע פֿעכטער,
אין שטרייט מיט דעם קעניג פֿון שפּאַס;
מיר זיינען די מונטערסטע וועכטער —
פֿון אוצרות צעהפֿקרט אין גאַס!

מיר זיינען די פֿעכטער . . .

ו

דער יום־טוב וואָס האָט אונז גענערן,
דערהאַלטן דעם מוט ביז אַצינד;
איצט זוכט מען נאָר פֿריי פֿון אים ווערן,
צעשטויבן ווי אַש אויפֿן ווינט.

מיר זיינען די פֿעכטער . . .

ז

אין שעהן פֿון שווערן געדעמער,
האָט ניגון געשטאַרקט אונזער טראָט;

צעשמעטערט די שונאים מיט זמר —
מיט אידנס געזאַנג צו זיין נאָט!

מיר זיינען די פּעכטער . . .

ח

און די לייט, וואָס זיי פּרעפּלען פון אָבות,
די „ריטער" פון אידישער שפּראַך, —
דעם שקר — זיין גרעסטן קאַטאָוועס,
פאַר לצים — דעם גרעסטן געלאַך.

מיר זיינען די פּעכטער . . .

ט

נאָר ווי לאַנג ס'וועט נאָך וואָך זיין מיין מות,
און ווי לאַנג ס'וועט מיין האַרץ קלאַפּן פריי, —
וועל איך מיטן לעצטן פונק כוח
בלייבן מיין לשון געטריי.

מיר זיינען די פּעכטער . . .

י

און ווי וויניק די צאָל פון די טרוימער, —
אַ מנין, און אַפילו נאָר דריי;
איך בלייב ביז צום לעצטן אַ שומר,
פאַר אידיש איז אַלעם כדאַי!!

מיר זיינען די פּעכטער . . .

צווייטער בוך

עס רעדט די פרוי

עס רעדט די פרוי

א

עס רעדט די פרוי —
די נייע פרוי;
זי רעדט צו וועלט —
צי סתם אַזוי?

זי רעדט ניט סתם
קיין „ניין מאָס רייד":
עס וויינט איר האַרץ,
פֿאַרפֿולט מיט לייד.

עס ברענט איר וואָרט,
און ברענט ניט סתם;
זי פייערט אויף
„שערשעי לאַ פאַם"...

ווייל זינט די טעג
פֿון חוהס זינד —
איז יעדער „קלוג",
אַפילו — קינד...

און יעדער קלינגט
דעם צווייטן אויס;
די חכמה שפּראָצט
פֿון ליאַדע הויז.

און קליגער נאָך
פֿון קלוג אַליין —
איז ער, דער האַר,
דער מאַן אין קרוין...

נאָר ער, דער מאַן,
דער קלוגער גרוי —
ערשט ער שטאַרט בלינד
צום שטאַלט פֿון פֿרוי.

מיט ווים פֿון
דער נאָרער וועלט —
פֿעלט אוים אים זין
פֿאַר חוהס צעלט.

ער ווייסט דעם סוד
פֿון העכסטן שווינג;
נאָר האָט ניט וואָרט
פֿאַר ליבע־זינג.

ער מעסט די טיף
פֿון טיפֿסטן ים;
נאָר שאַצט אַ פֿרוי
ווי יעדער חם.

ער זעט דעם סוף
פֿון וועלטס פֿאַרגיי;
נאָר ניט זיין וויב,
אין שלאַנק געדריי.

ער הערט דעם שאָרך
פֿון מינדסטן זאַנג ;
נאָר ניט איר רויש,
דעם לילית־גאַנג.

ער פֿירט די וועלט
מיט שמשון־מאַכט ;
נאָר דלילהס ריר
זיין טראָן צעקראַכט.

פֿון צאָרן־ווינט
ער אַנט דעם שטראָם ;
נאָר ס׳פֿירט אים גאַנג
אַליין־איינם צו סדום.

טאָ הערט די רייד
פֿון נייער פֿרוי ;
עס טאָגט איר שעה,
פֿאַרהילט אין טוי.

זי שוועבט צוריק
מיט רוט אין האַנט ;
פֿאַר רו און גליק
אין יעדן לאַנד.

ב

איך האָב געשאַלט
„עס רעדט די פרוי";
נאָר אור־שטאַם־פרוי
זי שאַלט אַזוי?

„עס רעדט די פרוי" —
איז מאַנס שאַבלאָן;
ס'איז ניט איר קלאַנג,
ס'איז ניט איר טאָן.

דער ער וואָס הערשט
אויף גאָרער שאַף —
ער רעדט שוין אויך
פאַר איר, זיין שקלאַף.

און ווען די „פאַם"
שרייט אויף אַ מאָל —
רעדט ניט איר שטאַם,
ס'איז ניט איר קול.

סע רעדט די שטים
פון פאַטריאַרך;
זי נוצט זיין נרים,
ער קנעט איר מאַרך.

זי בליקט געשווינד
וואָס מויל זיינם וויל;
ס'איז ווי איר, ווינד —
נאָר שפּילט זיין שפּיל.

זי וואָלט גערוט
אָט־איצט, — ווי זים!
נאָר ס'רייסט איר אויף
זיינם אַ קאַפּריז.

זי וואָלט געטרוימט
פון חיים, פון גליק;
נאָר אַלץ פאַרזינקט
פון זיינם אַ בליק.

און ווען דער האָר
ווערט ווען באַזעלט;
צאָלט ער מיט שכר
פון יענער וועלט...

אַ פוס־בענקל
ד'דאָרט גרייט פאַר איר;
ט'אייביק ליגן
אַרום זיין טיר...

איז טרעפסט איר ווען
ביים היימן טראַנק —
איז עם דער בונט
פון צוים־געדאַנק.

זי שלײדערט אָפּ
איר „בענקל״־שכר;
און מעסט איר קאָפּ
מיט קרוין פֿון האָר.

און װען איר זעט
אין פֿרויען־מויל,
װי ציגאַרעט
שיסט קויל נאָך קויל —

איז עס רעװאָלט
פֿון האַלבער ערד!
װאָס װערט נעצאָלט
מיט שאַרף פֿון שװערד.

זי קומט די „פּאָם״
מיט צוים פֿון לוסט;
איר טראָט איז פּלאָם,
און שטאָל — איר ברוסט.

זי שאַלט צו קרינ
דורך טאָג און נאַכט;
ביז װעלטס נעזינ
פֿון מאַטריאַרך.

ג

און ווידער רעדט
די נייע פֿרוי;
זי רעדט שוין איצט
ניט סתם אַזוי.

זי האָט איר וואָרט
אַרויסגעשיקט,
ווי נחם טויב —
דער וועלט צו גליק.

נאָר ס׳רעדט ניט איצט
נאָר פֿרוי, נאָר ווייב;
צעברויזט, צעהיצט
איז מאַמעס לייב.

זי רופֿט איר האַר
צום יום־הדין;
און מאָנט פֿאַר צער
פֿון אירע זין.

עדות זאָגן
ט׳מאַמע שרה;
ז׳קומט מיט טענות
האַרבע, קלאָרע.

„ער האָט מיין זון —
מיין בלוט, מיין טראַכט —
צו דער עקידה
שיר אומגעבראַכט.״

און זינט יצחקס
טאָג־פון־קרבן —
אָ, פיל יונגנט
ז׳אויסגעשטאָרבן ? ! !

ווייל וואו אַ נאָט —
אַ קינד אין שניט;
ביי ערשטע טריט:
נאָך קוים צעבליט.

און וואו אַ פעלד —
מיין בלוט פאַרזייט;
און פאַלט אַ העלד —
רוט דאָרט אַ שטיין.

איז ווען איר זעט
ווי מאַמע־פרוי
ווערט יונגערהייט
אי אַלט, אי גרוי.

איז דאָס איר לוין
פאַר יאָרן פיין!
נאָר ווער דאָס שוין
אויף אייביק זיין?

אָ, ניין! אָ, ניין! —
הילכט מאַמעס רוף;

און איר געוויין
רייסט הימלען אויף.

מיט עמאַס וואָרט
פון פרייהייט־רוף —
אויף יעדעס אָרט
די פרוי שטייט אויף!

און שטרעקט איר האַנט —
די ניבורטע.
און מויערט וואַנט —
„אָוו ליבערטי".

די „סטעטשו"־פרוי
האָט זיך דערוועקט, —
און טרייסלט וועלט
פון עק צו עק.

ביז זון אין רוים
וועט שיינען קלאָר!
און זיסער טרוים
וועט ווערן וואָר.

ד

און מיט באַגין,
ביים בלוי פֿון טאָג, —
מיט נייעם זין
וועט גיין מיין זאָג.

מיט גייסט פֿון רות,
פֿון דער מגילה, —
זינגט־אויף מיין גרוס, —
די אידיליע.

מיין ערשט געבעט —
אָנשטאָט געבאָט —
וואָלט איך די שטאָט
נאָר פֿראָסט פֿאַרבאָט.

ווייל ס׳איז אַ זינד
אַ יעדער טראָט
פֿון אַלט, פֿון קינד
אין סדומיק שטאָט, —

וואו יעדער שטוב —
אַ נעץ, אַ גרוב;
און יעדע גאַס —
פֿאַרפּעסט מיט האַס.

און יעדער שפּיזט
זיין שכן דורך;
עס גייט דורך לייב
אַזש דורך אַ סקרוד.

זאָל נייע וועלט
איצט ניין צוריק
צום מדבר־צעלט —
נאָך רו און גליק.

וואו גזלן־מין
וועט חלף־שאַרף
פֿאַרטוישן אים
אויף פּלייט, צי האַרף.

וואו קאַרנער וועט
זיין גאַנץ פֿאַרמעג
צעזייען אויף
אַ יעדנס וועג.

וואו חוה־שלאַנג
און מאַלפּע־מאַן —
אין איין געזאַנג;
מיט איין געפּלאַן.

ווייל וואַקסט דען ווער
ווען אוים פֿון קינד?
ניט מענטש, ניט בער,
ניט קו, ניט רינד.

און מוז עס מאַן —
אַ מאַמעס קינד —
נאָר גיין אין שפּאַן,
אין קעלט, אין ווינט?

ז׳מענטשטום גאָר־ניט
איין משפּחה?
שמידט ניט יעדער
זיין מערכה?

ועט אויך בעל־גוף
זיין גיפּטיק שווערד
פאַרטוישן אויף
דער פרייד פון ערד.

מיט מי פון האַנט,
פאַר זעט פון מויל, —
באַרוט איז לאַנד,
ס׳איז יעדן וואויל.

און רחמים הערשט,
ניט האַרבער דין;
דער קיום־מענטש —
באַקומט אַ זין.

דריטער בוך

וואַריאַציעס

צווייטע אויפלאַגע

אין ליכטיקן אָנדענק מיין יונג־פֿאַרשניטענעם
ברודער — אהרן

אין אומרו־רגעס

אָפּט, אין אומרו־רגעס,
שפּרינג איך אויף ווי אָפּגעבריט;
גיי אום האַסטיק־ווילד
הין און צוריק,
אין טונקלקייט פֿון מיין בחורשן חדר, —
ביז אַ דערשראָקענער בלייב איך שטיין
און דערזע אין שפּיגל:
מיינע האָר — הויך און צעשויבערט,
מיין בליק — דרייסט און אָנגעשפּיזט,
מיין פּנים — בייז און אויסגעקרימט, —
הויב איך אויף מיינע ציטערדיקע פֿויסטן
און פֿאַרקריצנדיק די ציין
פֿיבערן מיינע ליפּן אוים:
ווּ־ווּ־ע־ער ב־בין איך־ך?

1924

ב ר י ו ו

יעדן פֿרימאָרגן
מיטן אויפֿוואַך פֿון מיינע אויגן,
טוט פֿאַר מיר אַ בליץ:
אפֿשר בריוו אָנגעקומען?

צי איך, אין איילעניש, מיינע קליידער אַרויף
און דערזע פֿון ווייטן:
עס וואַרטן בריוו שוין אויף מיין טיר
אין אַלערליי קאָנווערטן:
גרויסע, קליינע,
ווייסע, ראָזעווע,
און יעדער בריוו
בעט מיך שטומערהייט:
נעם מיך.

לייען איך די בריוו און וויים:
מענטשן טראַכטן וועגן מיר.
מענטשן ריידן צו מיר.
מענטשן זעען מיך.

צעעפֿענען זיך מיינע אויגן אין פֿולער גרוים;
צעציט זיך מיין שמייכל — גוט און לייכט;
ווערט מיין בליק ווייך און מילד;
ווערט מיין פּנים קינדיש־רונד, —
און ס׳איז ביי מיר יום־טוב.

1924

איך וועל פאַרלאָזן מיין זיגער

דעם לעצטן טאָגבלאַט פון מיין פאַרגייענדיק יאָר
האָב איך היינט מיט שוואַרצע פלעקן פאַרוואָרפן.

ליגן טויטע פלינן־פלעקן צונעקלעפט
אויף דריי הונדערט פינעף און זעכציק גרויע בלע־
טער, איינע אויף איינע.

וואַרט שוין אויף איינשלונג פון שוואַרצע געפלעקן
דאָס ערשטע בלעטל פון מיין אויפגייענדיק יאָר.

הענגט מיין טעמפער בליק אַ מידער
איבער גלאַנציקער ווייסקייט פון נייעם טאָג־בוך
און גליווערט פון פוילקייט.

דזידזי — דזידזי,
דזידזי — דזידזי —
מוסרט מיך מיין זייגער:
באַפריש זיך, דו מענטש, מיט אויפגלי פון גבורה, —
נעם ווייטער זיך שוואַרצן
די בלעטער, די ריינע, פון יאָרבוך...

און דער זייגער: דזידזי
און אין אויער: קלאַפּ־קלאַפּ,
און די אוינן: מיד־מיד

און דער דרעמל: שלאָף־שלאָף־שלאָף,
שלאָ־אָף.

שליסן זיך מײַנע אויגנדעכלעך.

װיקלט זיך,
צירקלט זיך,
כװאַליעט זיך,
דער אָנקום פֿון מײַן אויסגעחלומט אויפֿקום
אויף שטורמיש געטראָג,
אין ראַשיק געפֿלי,
דורך בלויען צעבליץ
פֿון פֿאַרװאָלקנטער טונקלקײט אַרום.

און בײַם אויפֿשטראַל פֿון מײַן אויפֿקום
האָט דער זײגער זיך צעקלונגען:
דזינגל — דזינגל — דזינגל —
שוין דרײַ אַזײגער,
דזידזי — דזידזי —
— שוין באַלד זיבן —
די שעה פֿון אויפֿשטײן.

װי יעדן טאָג,
װי אַלע מאָל.

האָב איך מײַנע אויגן אויסגעריבן,
אויפֿן זײגער אַ קוק געטאָן:
— או — האַ!
נאָך אַ נאַכט צערונען.

— — — — — — — — — — — — — — — —

האָב איך געבלעטערט די גרויע בלעטער
מיט די שוואַרצע פליגן־פלעקן,
און עס האָט מיך דערמאָנט:
דעם זיבעטן סעפּטעמבער איך אַזאַ חלום געהאַט,
דעם זעקסטן יולי איך אַזאַ חלום געחלומט,
און — און — און ————————
ניין, איך שלאָף ניט היינט.

זיינער,
שעהן,
דזידזי,
דזינל —
שאָטנס מיינע.

וועל איך זיך לאָזן
אויף טונקעלע שטרעקעס,
הערן דעם זיינער־געקלאַפּ
פון מיינע איינענע טריט
און אַרויסשרייען אין די צעפּלאָסענע ווייטקייטן:
— ווער האָט געזען מיינע נעכט?
ווער האָט באַגעגנט מיינע טעג?

1924

לבנה גאָטס נצחון

לויבווירדיקער דיכטער דע־גראַנדע —
איך וועל שאַלן דיין נצחון מיט דעם לירישן שופֿר.

דיין מאַקאַבייאיש געראַנגל מיט די לבנה־גאָט לעס־
טערער, וואָס האָט לעגענדעם אינספּירירט,
האָט אויך מיין דמיון באַצוואונגען,
האָט אויך מיין הערצל דערבראַכט צו שטימונג פֿון
תּפֿילה־עקסטאַז.

אָבער דיין חשמונאַיִשע האַנט האָט ניט גובר געווען
די פֿעלשערשע מחנות —
סילועטירן זיי, די פֿרעמדע, אין אונזערע וויינגערטנער;
און דורך נאַכט די שומרים, און דורך טאָג די שטאָט־
לייט טוען מיט זיי משא־ומתן פֿירן,
ווי גאָטס האַנט וואָלט ניט געפֿירט אונז אַלע.

נאָר ביים ראַנד פֿון אַנטגילטיקן יאוש האָט שטערן
מזל אויפֿגעשמייכלט;
דער קאָפּ פֿון די האַרצלאָזע משוררים איז ווי דורך
אַ רמז געשטרויכלט געוואָרן —

אין זיין לעצטן שיר, וועדנדיק זיין לויב דער בתולה
פון בלויען באַרג־שפּיץ,
האָט ער — אין שעה פון אוממיטלבאַרער זעל־דער־
הויבונג — אימאַזשירט געזיכט מיט לבנה־ליכט.

וועל איך ציען מיטן לירישן שופר צום נצחון פון דיר—
דו, לויבווירדיקער גראַנד־פּאָעט,
דו, דערהאַבענער זון פון אַלמעכטיקן לבנה־גאָט.

1928

אַ זמר צום נסתר

מינדסטע טרוימערשע פּאָזע עפנט טיר און טויער—
ווי אין הערמאַן גאָלדס אַ מעשה;
צעבליען זיך עפּיזאָדן אין שאַרפּע קאָנטורן —
מיט טעמפּאָ של קפיצת הדרך.

בלייבער עטיוד אין ווייט־ווייטן באַגינען איז באַזע
פּאַר גרוים־גרויסן אָנהויב —
שמאַיענדע קינדוואַרג ביים רייך פון אַלזאַמדיקע
שטיבלעך פאַרנעמען אַ שטייגנדע שטימע, אין
טאָן און אין נוסח פון משנה
(אַן אָנוואונק, אין אומשולד, אויף ברעניקן דאָרן פון
משה דעם ערשטן):
„אמתע נייסטער דערווערבן זיך קרוינען אַפילו אָן
אָנלען פון שטרייטלאָזער סמיכה".

פאַרזשמורען די אויגן איז פונקט נענוג ווירקזאַם אויף
אָפּפריש פון אויפנעכאַפּטן שמועס אין „פּרדס"—
ס'איז אים דעמאָלט אויפגעלויכטן סוד, דער סוד פון
די סודות, זיין סוד פון צוויי־געזיכטיקייט.

לומדישער ניגון־פּאַרצי אין התמדה־עקסטאַז איז
טרעפֿלעכער איינפֿאַל אויף ווידערשאַף פֿון צו־
גערערטן וויכוח אין קוואַזי־באַהעמישן
קאַפֿע־הויז —
פֿאַרשפּעטיקטער פּלפּול וועגן חידוש פֿון זעקסטן
(יחום) חוש האָט אים שליסל געגעבן צו נייער
עשירות.

דער „רואה ואינו נראה" האָט צוויי אויגן —
פֿאַר יעדן שטערבלעכן געזען און באַשטעטיקט צו
ווערן.

אין זיין רואיק־צעעפֿנטן רעכטן אויג רוט הבטחה פֿון
באַקוקן די מענטשן פֿון ערד מיט מידת הרחמים;
אין זיין פֿלינק־געאיבטן אויג אין לינקס טוט זיך הילן
און שיצן מיסטעריע פֿון רמזדיק וועזן.

1928

יראה אין דיין צעלט

א

אָ, מענטש, אין אויפֿבליץ פֿון יראה, שטאַרק זיך,
האַלט אָן!
האַלט איין אין זיך אויף זיך דעם בלייבן, בלייבסטן
אָפּשטראַל פֿון דיין גאָט־געמעל ;
איך וויים, דו ווייסט — חומר שווערט אַראָפּ די מידע
האַנט וואָס הויבט־און־הויכט די פּאָן,
נאָר זע : אויף לאַנגן וועג פֿון דויער לאַנגזאַמט העלער
שליח צו דיין שוועל.

ב

אָ, בן־אָדם, אין שעה פֿון חשבון, שטאַרק זיך, רו איין!
ברענג רו צו גופֿיקע אברים דיינע צאַרטע, געפֿורעמט
אין געטלעכן באַשאַף ;
איך וויים, דו ווייסט — זינט די טעג פֿון חוה לויערט
שאַרף אויף דיר, אויף מיר באַהעפֿטע לוסט פֿון
ווייב און ווין,
נאָר וויים : מיט מיינע־דיינע קלוגע, קלינגסטע רייד
בלייבט מאַן ניט תּאוהם האַר, נאָר איר פֿאַטאַלער
שקלאַף.

נ

אָ, מענטשן־זון, אין טאָג פֿון פֿורכט און חשבון גיב
  זין צו דיין זיין אונטער שוץ פֿון זון, לבֿנה!
זע : פֿון אַלע טונק׳לע היילן, אויף אַלע באַרגיקע וועגן
  ציען זיך געבוינענע מענטשן־ברידער צו דיין
  וואָרט, צו דיין בליק;
טאָ הער: פֿרומער שמייכל דיינער, אויגן־צערטל,
  אייד׳לער קנייטש פֿון ריינסטער כּוונה
לינדערן וועט דיין גוטן שכנס נויט, אילוזיע אין זיין
  צעלט אים ברענגען — דינסטע אילוזיע פֿון גליק.

1942

ווען עס נעענט דער טאָג

א

און ווען עס איז וועל איך גוט־ברודעריש צו זיך געבן
א זאָג:
— ברודער, נאָענטסטער און איינציקער, ס'האָט פֿאַר־
נומען מיין האַרץ שוין פֿון גזר דעם געשלאָג
און ס'האָט לאַנג־שוין מיין מוח פֿאַרטיליקט די קינ־
דישע מורא פֿאַר אָנקום פֿון לעצטיקן טאָג.

ב

איך ווייס: אומגעריכט וועט זיך שונא אויף מיר
וואַרפֿן אין שליידער פֿון טונקעלן ראָג.
נאָר איך וועל ניט פּרואוון אויף מינדסטן געראַנגל
און ניט הויבן מיין שטים אין געקלאָג.
איך בין גרייט פֿאַר אים מיט מיין בינטל געביין, גרייט
אָן רונזה, אָן גענאָג.

ג

ווייל געוואוינן האָב איך מיינע מעשים אויף שטרענג־
סטער, אויף אַכזרסטער וואָג:
האָט שונא, צי אוהב מיך ווען־וואו דערנעענט אין
רו, צי אין שפּיל, אָן באַגלייט פון געיאָג?
הויפּט זיך אויף מיר דער געבאַרג פון די טעג און איך
פאַל אין דערוואַרט אויפן טאָג — אין דערוואַרט
אויפן לעצטיקן טאָג.

1943

אין מעשהלע־שטאָט

אין ראַשיקסטער שטאָט פֿון אַל־פֿאַרבן, ניואַנסן
וועט קיינער פֿון דיר הײנט אָ, הינער־דו־פֿרעמדער,
ניט אָנען;
אין מעשהלע־שטאָט פֿון די ראַקעפֿעלער־שאַנסן
אַן איינער, אַ גרויער ס'טו שפּאַנען.

אין מאַניענדער שטאָט פֿון אַלץ שטייגנדע צאָלן
קען מענטש דאָ נאָר רעדן צו אַ זון — וואָס אין הימל —
און אין נאַכט צו אַ שטערן;
דעם גוואַלד־שטאָטיקנס אויער — ווי אין טיפֿסטן
פֿון טאָלן —
וועט דיין קול ניט פֿאַרנעמען, דיין שטיל־שריי ניט
הערן.

אין בריאַזניקער שטאָט פֿון צעפּיצלטע גופֿימלעך —
מענטש־מאַריאָנעטן —
דערוואָרט ניט, אָ, פֿרעמדער, קיין גרוס־גויג, קיין
צאַרט־וואָרט, קיין אָנוואונק פֿון שמייכל;
אין קראַכיקן כרך פֿון אַל־שמייענדע שאָטנס — צע־
קאָרבטע סילועטן — — —
פֿאַרהאַלט, דאָך, דיין מויל, אָ, דו, פֿרעמדער, פֿון
לעסטער — כ'לעבן, זיי מוחל.

צו אַ קינסטלער

(צום לאַנגזאַמען טראַגישן אויסלעש פון סאַלאַמאָן גאָלוב)

א

בין געקומען אויף דיין יום־טוב, מיט פּאַמעלאַכיקן
טראָט אין ווירדיקן זאַל אַריין און איינגענורעט
ערגעץ־וואו געזעסן אויף דער סאַמע לעצטער
באַנק.

פון בימה האָט ס׳גלאַטע צונג פון מליצה געגלעקלט
פון דיין גרויסע גרוים, ס׳האָט ווער־דאָרט־וואו
געשפּילט־פּ אַ ר ש פּ י ל ט צוטראָג דיינעם, שאַף
און איין־און אויס־געטייטשט אַזוי דיין ווערק,
דיין ליד;

מיינע הענט — בין איך דאָ מודה — האָבן ניט מיט־
געהילכט, מיינע פּיס האָבן ניט צוגעטאַקט און
אין מוח האָט אַקטיוו געהויערט אַ פּראָסטיקער
געדאַנק:

ס׳איז ניט הימנע־שאַל פון יום־טוב, ס׳איז ניט פּראָסטע
מי פון וואָך און סאיז אפילו ניט קיין עבטער צירק,
נאָר און אפשר אַ יאַריד אַזאַ, — בלייבער פּנים
פון אַ יאַריד . . .

ב

בין, אָבער, אויך לעם דיין וואָך געווען און אָפּט, אין
מחשבה, מיט דיר געטיילט דיין געבענטשטע
שניט, דעם איינזאַמל פֿון דיינע פֿריידיקע חבלי־
לידה . . .

פֿרום איז געווען דיין פּאָרטראַכט, שפּרודלדיק —
דיין וואָרט פֿון טאַט און קוואַליק־ריין — דיין
גלויבן ;

ווי מיט אור־עקשנות האָסטו טאָג־אין־טאָג, מער נאָך
ווי יצחק פֿון די אָבות, געבראַכט זיך, געברענט
זיך אויף דער עקידה,

כדי דיין וואָרט זאָל ערגעץ־וואו דערלאַנדן, דיין קלאַנג
זאָל ווער־וואו דערפֿרישן און זאָל נאָך אפשר
ס׳גאַנצע פֿאָלק אַמאָל דערהויבן . . .

ג

בין איך געזעסן אויף דיין יום־טוב און האָב געהערט,
דאַכט זיך, דיין „פֿריילאַכס״, דיין פֿייער־שפּיל אין
קרעשטשענדאָ ;

איבער מיר האָט, אָבער, שטראָמיקער געווייט
ס׳גאָנגדע צויבער פֿון שאָפֿענס אַ מינאָר־מאָטיוו,
צי נאָר בעטהאָווענס אַ פֿערז פֿון שטילן וויי ;

װען דײַן און מײַן באַזונגען פֿאָלק האָט יענעם אָװנט,
װי תּמיד, מיט יום־טובֿ דיך געברװיטלט און נאָמען
דײַנעם אײַנגעהילט אין זעלטענער ראַם פֿון
לעגענדע,

האָב איך, מײַן פֿרײַנט, שױן לאַנג געזען דיך אין
אױפֿצער פֿון עקידה, װי פֿילע פֿון מײַנע און דײַנע
ברידער, הײליקע, אין פֿײַער, פֿאַטאַלן פֿון
אױטאָ־דע־פֿע.

1943

די עוועניו באַווײַנט דעם דיכטער

1

ליטל קאַרנעגי פֿאַרנעמט איצט דעם פֿרומען געוויין־
געזאַנג פֿון שאָפּענס „לוויה־מאַרש״;
דער פֿילאַדעלפֿיער פֿילהאַרמאָניק גייט אויף אין לווי־
טערן טרויער אין בעטהאָווענס אַנדאַנטע־פֿערז
פֿון „סימפֿאָניקאַ עראָאיקאַ״;
די סענסיטיווע שטימען פֿון סקאַלאַ קאַנטאָרום
ציטערן אום דעם קינסטלערס אַוועקשייד דורך
מאַסענעס עלעגיע;
נאָר אויף איסט־בראָדוויי גייט אויף דער בליי־גרויער
איין־טאָן פֿון קוואַזי־ביבלישע קלענערינס.

2

דער אַחריותפֿולער עלטער־ברודער ראובן, ראובן
דער „עווינג״־„יונגער״, שטעלט אָן דעם קאַמער־
טאָן:
דערעפֿנט די שמחה אין ביבלישן מעשה־שטיינער
פֿון באר שבע ביז דן.

אויפֿן פּנים הויערט רונזה אויף זיין פּראָקליאַטער
דאָליע —
פֿאַר ניט קענען אַריינקעשענען מער ווי צוויי און
פֿופֿציק רונדע הונדערטער אין אומקרייז פֿון
צוועלעף לבנות.

3

דער טאַטעניו אברהם האָט געוויזן בקיאות אין
ביבלאָ־עלעגיע:
האָט טרעפֿלעך אַסאָציאירט דעם נפֿטר מיט דעם
לייבלעכן פּראָפֿעטער ירמיהו,
און זיך ברייטלעך און אב־הרחמימדיק אידענטיפֿי־
צירט מיט דער געווין־בריגאַדע.

4

ס׳טרעט אויף פּרץ דער צוויי־טער מיט דעם גאַנצענעם
„עהרפֿורכט״ פֿון זיין געזיכטלעכן צערעמאָניאַל.
זיין סאַמע ערשטע וואָרט איז טעאַטראַלער אויפֿ־
פּראַל אין ספּאַזמען פֿון געווין־געשאַל —
ווי די גאַנצע הימלישע פֿאַמאַליע וואָלט דאָ אָפּגע־
ריכט „טל״.

5

ענטרע דר. דאָקטרינותא:
דער ציטאַט־אַקראָבאַט, מיט דער דערבי אויף אַ זייט,
האָט אויפֿגעשפּילט אין אַלע חנ׳ען —

זינג־קינדער האָבן אָנמערקן געקענט דעם טרויער
וואָס האָט אומגעשלייערט דעם גוואַלדאָ־סעריעזן
מקונן.

6

די ווייטערע דאָקטאָרשע באַווייַנער זייַנען אויך ניט
געווען פון אַהינטער די גראַטן:
דאָס זייַנען געווען די ליבלעכע געשטאַלטן פון אונ־
זערע גנעדיקע „פינעף־און־־צעען" מעצענאַטן.
ביים לעבן, אין אַ יומא דפגרא, פלעגן זיי זיך געבן אַ
ברענג אַ קרבן:
— סיי פאַר דעם דיכטער און סיי פאַר די קונסט־
לאָרבן —
און זיך לאָזן באַזאַלבן פאַר אַ טאַלער אַנדערהאַלבן
מיט איינעם פון די לעצט־מאָדישע „האַנט"־
געמאָלענע קראַוואַטן.

7

אויף די איידעלע געזיכטער פון די סאַלאָנישע דאַמען
שפּינלען זיך מינאָרע רעזיגנירנדע גרימאַסן:
די אַלץ־פאַרזאָרגערישע גראַנד־דאַמען פאַרגרייטן
זיך אויף די לאַנגע ווינטער־סעזאָנען מיט נייע און
נייסטע רכילות־זאַפּאַסן.

8

נאָר איינציק און אַליין איז דעלאַ דעלאַרינאַ —
זיין לעצטע קאָנצערטאָ־גראַפינע:

זי פֿאַרנעמט אין שטילן פּיין דעם פֿאַלשן אַקאָרדן־
שפּיל פֿון איסט־בראָדווייער נגינה;
טראָגט זיך צו איר מינאָר פֿון מאַסענעם פֿאַרביקער
עלעגיע;
ס'הויכט איבער איר דער פֿלייטן־געוויין פֿון שאָפּענס
„לוויה־מאַרש" אין ליטל קאַרנעגי;
ווייט ניט פֿרעמד צו איר אויער איז בעטהאָווענס
אַנדאַנטע־פּערז פֿון סימפֿאָני עראָאיקאַ —
הערט זי ניט דעם טעמפּן איין־טאָן פֿון די קוואַזי־
ביבלישע קלאַנגערקעס;
ווייל דער אויער פֿון דעלאַ דעלאַרינאַ —
זיין לעצטע קאָנצערטאָ־גראַפֿינע —
איז ווייט און פֿרעמד און אינזלדיק פֿון דער עוועניוס
פּראָפֿאַנער נגינה.

1935

און ס׳וועט זיין אַ טאָג

און ס׳וועט זיין אַ טאָג:
וועט מיין אויסגעבלייכט פּנים דאַן פרישקייט דער־
שפּירן,
מיינע אויגן, די פאַרוואָלקנטע, וועלן העל זיך צע־
לויכטן, —
און אומדערוואַרט וועל איך קומען צו דיר.

אָן געראַש און אָן געטומל,
נאָר זעצן אין אַ ווינקל זיך שטיל און באַשיידן,
סודותדיק טוליען אין זיך מיינע ליידן,
דורך ליפּן פאַרפּרעסטע מיין ברכה דיר געבן,
און אויף שטענדיק מיט דיר זיך צעשיידן.

1924

וויוויוואַ

וויוויוואַ.
זיבעצניעריקע וויוואַ, —
אומרו פֿון מיין תאווה!

אין פֿאַרנאַכטיקע אומעט־שעהן
בליצט אויף פֿאַר מיר דיין רייפֿער פֿרויען־גוף
מיט אויגן — קינדישע,
מיט לאַנגע האָר צעוואָרפֿענע,
מיט שיקסל־בריסט,
מיט מענער־הענט געמוסקלטע.

פֿאַרפֿולט פֿון בחורשן צער,
צעווינט אין צעפּלאָסענעם אומעט,
וועל איך וואַרטן
ביז דו, וויוואַ, וועסט מיין שוועל איבערטרעטן,
צעעפֿענען דיינע גוטע אומשולד־אויגן,
וועל איך אין דיינע פֿולע, אויף מיר וואַרטנדיקע
בריסט
זיך טוליען,
און צוזאַמען מיט דיר ציטערן

1924

אין צייט פון חרטה

מיטן אָנקום פונם אָוונט,
צעשפרייט זיך דער אומרו איבער מיין צימער, —
לאָז איך זיך פירן ווי אַ הונט נאָך זיין האַר.

קומט אין גאַס מיר אַנטקעגן אַ פרעמד־אויניקע
מיידל,
אויך איר האָט די אומרו פאַרפירט אין דרויסן,
גריסט זי מיך וואַרעם, ווי אַן אַלטן באַקאַנטן,
צעלויכט זיך מיין פנים, צעפלאַקערט איר אויג זיך,
נייען מיר ביידע דעם אומרו צעטרייבן,
און ווערן פאַרשלונגען אין שאָטן פון נאַכט.

מיטן לעצטן שטערן בלייכט אויך אוים מיין תאוה,
און איך שלעפ זיך, ווי אַ שיכור, אויף מיין וועג
אַהיים.
גאָט, זאָל קיין פרעמד־מיידל מיר איצט ניט
אַנטקעגנקומען.
היט מיך אוים פון איר!
זי זאָל ניט ווינקען צו מיר פאַרשייט
אין צייט פון חרטה.

1924

רחלס בלייכער אַכזר

לעבנס־טרייע מעשות וואָס באַליכטיקן דעם וועג
פֿון אַ בת ישראל
האָבן רחלען (ראָכעלען) באַוואָרנט מיט סטראַ־
טעגישער בריה׳שאַפֿט אין נסיונות פֿון בגרות.

איז זי ביינעשטאַנען יעדן נסיון חוץ דעם מיסטע־
ריעזן מלאך הגואל:
פֿלינקער מאַנעווורירן מיט בתולהשן חן האָט ניט
גערירט דעם בן־מלך.

האָט זי געדרונגען פֿון נומער זעכצן „סעריע״־בוך:
„מסתמא, אַן אַכזר״
און לויטן מוסר־השכל אים אַ בלייכן איבערגעלאָזן
אין סטאַטואישער פֿאַרגליווערטקייט.

שילדן, מענטשן, נאַסן, אין רעפֿלעקס פֿון איר לעצטן
לעבנס־אַקט,
האָבן, בליצנוויין, רעגיסטרירט אין איר פּסיכיע
סתירה׳שע רעאַקציעס.

אין חלומישן וואַנדער האָט זי ס׳האַרץ זיך אוים־
גערעדט פֿאַר די וואוילע „סעריע״־קאַוואַליערן,
אָבער זייער העלדישער פּסק איבערן אַכזריותדיקן
מלאך האָט ניט געלינדערט איר דילעמע.

1927

עליזה אין לאַנד עליזייאום

(אידעאַליזירטע אידיליע)

אָפּט, שוין צו אָפּט, איז געשטרויכלט איר ליבע,
איר טאַכטערשע ליבע, מיט אויפֿהַליץ פֿון
שאַרף־שאַרפֿער קנאה:
די הויך־הויכע זכיה פֿון טאַטע און מאַמע פֿאַר אוים־
וואַקס אויף באָדן געזאַפּטיקט אין אידיש, אין
שטעטלשער מלוכה פֿון אידיש, —

(געראַנגל מיט אַלערליי כוחות פֿירט ניט צום אויפֿ־
שטראַל פֿון זיידע און עלטער־באָבעס „פֿיר־
איילן").

אינטואיציע האָט עלסין מגלה געווען דעם סוד פֿון
איר נאָמען־אָפּשטאַם — „אינטערעסן" לאָזן ניט
אַסאָציאירן די גלוי־סוד אַפּערע מיט מעגלעכער
ערודיציע —
היט זי אין יראה אָפּ דעם שם היחוס ווי כהנים דעם
„שם־המפֿורש" —

(אין נאַאיוון שוישפּיל־טאָן טוט זי אָפּט דעקלאַמירן
אַליזע־ליזאַ־אַליזאַ־אַ־אַ!)

קאָרנעלער קלאַס־חברים פֿאָרשן אין געהיים נאָך
דעם אָפּשטאַם פֿון עלסי ה. סאָלטמען:

נאָלדן־בלאָנד דורכאויס, נאָרדיק־מעסיק דאָ און
דאָרט, נאָר בליקן שפּיזן אין דער ווייט —

(בלחש טוט יעדער שטודענטל טאָן תּפילה כדי אים
איר האַרץ צו באַשערן)

וואַכזאַמע ניכטערקייט טוט עליזהן באַגלייטן אויף
יוננוואַרגשע שמחות און ליאַמעס;
כבודים אין רעש לאָזן אין גלייכגילט דער בתולה פֿון
מיסטערי ליין —

(שוין זיך אויסגעווילט אַ זיץ־בענקל לעבן מומע
אסתּר, שולמית, רות און אמהות)

די מליצה פֿון גאַלאַנטע איזראַ(ע)ליטן איז איר
תּכליתדיק פֿרעמד;
מיט שטאָלץ פֿון יהודית פֿאַראַכט זי די שוואַד־
קניאיקע יונג־יודייער —

(וועט זי לויערן אויף אַן איצטיקן מאַראַן וואָס האָט
נעווילט זיך אַ שטול לעם די אבות)

1928

די מאָדנע רייד פון דער קאָמסאָ־מלכה

דאָס טראַציק קעפּל פון דער קאָמסאָמאָלקע וויל
היינט ניט נעסטלען אויף דעמאָקראַטישע קני —
ניט צו ריידן שוין פון די זייער אַלטרואיסטישע פון
אַ בלייכן פּראָלעטפּעניק!

נאָר אונזער האָפּעדיקער דיכטער דע־פּראָלעטאָ
פאַרלירט קיין קוראַזש ניט,
דער יחוסדיקער מאַעסטראָ האָט שוין אויספּרובירט
אַ תרופה צו אַזאַ מין סאָרט אומזין;
ווייסט ער די סודות פון שטימונג וואָס פירן צו ליע־
בעדיעווס „טיאָכקע",
האָט אויסראַפינירט חושים פאַר אויפנעם פון מעשה־
לע־צויבער און ליו־ליולקע מאָטיוו;
נעמט ער די ליכט אַראָנזשירן,
שיקט צו דער ליולקע זיין רוף,
נעמט זיך צעוויקלען אַ קעסטל,
מיט דופטן און ריחות און רוחות פון האַרעמס,

צעהויפּט ער זיין זינג רעפּערטואַר,
און ס׳צעיאַכמעט זיך אַ חכם־נאַר
מיט „אבינו מלכנו" און נאָט דער האַר,
מיט „אלי, אלי" — פֿאַרנעם מיין צער, —
און ער נעמט נאָך צו הילף זיך אַ מלאך,
אַ רעגעלע הירשביייניש מלאך וואָס טוט טין־טאָן
פֿאַר אים תּפֿילה —
„אַ מלאך וויינט,
אַ מלאך וויינט,
און — — — — — — — — —"
ס׳גאַלאָפּירן חילות, חילות:
די צוויי שאַפּירשע קרעטשמע־טעכטער,
סענאַלאָוויטשעס „רייזעלע דעם שוחטס",
וואַרשאַווסקים אויסגעגעבענע מעזינקע,
זיינע שעמעוודיקע שוועסטער פֿון ראַכמאַסטריווקע
און אַנדערע שוועסטערשע לידער פֿון שרה און רבקה
חוץ די שלעפּערשע „שוועסטער און ברידער פֿון
אַרבעט און נויט!"

און ווען ס׳העלפֿט ניט די אַלע סיגנאַלן, —
יריחו איז אַלץ ניט געפֿאַלן,
ווייסט ער דעם כּוח פֿון שאַלן —
פֿון דעם ניט פּלאַגיאַטישן שאַלן
פֿון תּרועה און תּקיעה און שברים;
און ער שטאַרקט זיך מיט פֿרישן געזומר —
מיט אלול־מאָטיוון און תּשרי־געזאַנגען,

פֿונם אויסגעווײלט פֿאָלק פֿון קנעכט איצט גע־
פֿאַנגען —
נאָר ס׳איז — — — — — — — — —

און ווען כל נדרי מיט די הייליקסטע פּיוטים באַווייזן
ניט דעם מופֿת
פֿאַרגורט ער זיין שווער־קאַנאָנאַדע
און פֿאַרגייט זיך אויף זיין הונט־טרייער לירע
אין לייוויקס הימניקער שירה —
„לייג דיין קאָפּ אויף מיינע קני
גוט אַזוי — — — — — — — — —"

גוט, גוט — ס׳אי אָבער שלעכט!

די מאַיעסטאָ־קאָפּ —
די טראַציק־צונעשאָרענע קאָפּ פֿון דער גרייז־גרויער
יונג־גרין־גרינגינקער קאָמסאָ־מלכה וויל קיין
מלכה היינט ניט זיין.
וויל ניט,
און —
ועט ניט!

— אַ שאָד צו צעשויבערן אַ פֿיין־פֿאַרקאַמטע
מאַיעסטאָ־קאָפּ
אויף פּאַטראָניש־צעכניאָקישטע קני
פֿון אַ ליאַדע בלייכן פּראָלעטפּעניק.

1935

מיט אָפּענעם ניכטערן בליק

ניט ווי רייזען, „מיט אויגן פֿאַרמאַכטע" —
נאָר מיט אָפֿענעם, ניכטערן בליק;
ניט קיין אײנגלשע שלעסער געדאַכטע —
נאָר הימלישן־ערדישן גליק.

און קוק איך אויף דיר אַ באַזונטער
פֿון שכל וואָס זעלט אין דיין ריר, —
העלט אויף אויך אין מיר קילער צונטער
און יעטווידער גליד דיינס — אַ שיר.

1943

INDIAN SUMMER

1

אין דערוואַרטונג...

ס'איז וואַר, די טעג זיינען טריבע,
די נאַכט ניט קיין רו מיין געביין;
נאָר ווען סטו פאַרזאַמען, מיין ליבע —
אַליין וועל איך טרוימען, אַליין . . .

ס'איז וואָר, איך גאַר נאָך דיר, בלוס מיין,
אַז מיין צעלט איז שוין לאַנג פאַר דיר גרייט;
נאָר ווען סטו פאַרזאַמען דיין קומען
וועל איך מיין לעבן ניט פירן צום טויט . . .

2

און דאָך...

האָסט צערייצט מיין אינגלשן פייער,
נייע כוחות צעפּראַלט אין מיין גוף;
נאָר האָב איך דערשפּאַנט צו דיין שייער —
האָסטו ניט געענטפערט מיין רוף.

איך וויים איצט, איך האָב דיך פאַרלאָרן —
מיין פייל האָט געלאַנדט ניט אין ציל;
דאָך היינט וועל איך ציען אין האָרן,
כאָטש דיין האַרץ האָב איך לאַנג שוין פאַרשפּילט...

3

שטאָט אַ בריוו...

ס'האָט שיקזאַל, אין קאַפּריז, אונז צונויפֿגעבראַכט
וואו —
איז אַנטרונען קאַפּריז, געבליבן — ביזסטו.

האָט צעבליט זיך דער שטיף און פֿאַרוואַנדט אונזער
בונד:
דו אַקערסט מיין לאַנד שוין און היילסט ווען אַ וואונד.

און וועל איך אַמאָל פֿון דיר ווייט זיין אַוועק —
וועסטו שוין צו מיר זיין אויף אַליינקן וועג.

און וועט בלייבן צו דיר מיין געשטאַלט, ווי פֿון ווייטן
אַמאָל
וועל איך מיט פֿליים און מיט נייגיר באַפֿרישן דיין קול.

און וועסטו אַמאָל ניט הערן מיין שטים און ניט האָבן
פֿון מיר ניט קיין גרוס, ניט קיין בריוו —

װעט דאַן, אָ, װי שטענדיק, אין מיר יונגן דײַן שטאַלט
אױן קרױזן מײַן קאָפּ װי אַ מיף.

ס'האָט שיקזאַל, אין קאַפּריז, אונז צונױפֿגעבראַכט
װאו —
װעסט שױן בלײַבן מיט מיר ביז דער אײביקער רו.

1943

ווי סערוואַנטעסעס אַ ריטער

(פון דער סעריע: „נאַקעטע לידער")

ווי באַשריבן אָפּט אין ביכער —
האָט מיט מיר אַזוינס פּאַסירט:
אַ בלום־אַ־פרוי האָט מיך פאַרוויכערט
און פאַרוועבט מיך אין אַ פלירט . . .
— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —

אין שפּעטער נאַכט, אין דיקן טונקל
האָב איך קוים איר בלענד געזען;
דאָך גענלאַנצט האָט זי, געפינקלט,
אין איר שטים — דער ליבעס־ברען . . .

זי האָט צוגעזאָגט צו קומען —
און געגלויבט האָב איך איר זאָג;
האָט מיך גלידערוויז צענומען —
אינם אויסקוק אויף דעם טאָג...

בין געוואָרן ווייטער היטער
פון מיין שטוב און גאַס און ראָג;

און ווי סערוואַנטעסעס אַ ריטער —
געהומט נאָר ס'ליד פֿון קלאַנג . . .

נאָך טעג און נעכט פֿון וואָגל —
דערזען האָב איך זי וואו;
בין געטראָפֿן פֿון אַ האָגל:
„ביזסטו דאָס טאַקע, דו?..

ביזסטו די בלום פֿון שרון,
ווי געמאָלן דיך אין בילד?"
פֿלאַקער איך און צאָרן,
וואָס דום בין איך און ווילד . . .

געכאַפּט אין גאָס אַן אישה,
און איר אויסגעצירט אין קרוין;
איצט היל איך זיך אין בושה —
נאָר ווערט בין איך דעם לוין . . .

— — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

ווי באַשריבן אָפֿט אין ביכער —
איז מיט מיר אַזוינס געשען:
אַ בלום־אַ־פּרוי האָט מיך פֿאַרוויכערט
און — איר ווייסט שוין דעם רעפֿריין . . .

1943

דו ווייסט ניט פֿאַר וואָס...

א

עס קומט אָפּט אַ טאָג —
דו ווייסט ניט ווי אַזוי —
דיין לעבן ווערט גרוי,
אַזוי נאָגנדיק גרוי,
דאַן ציט דיך צו היים,
און עס מאַניעט דיך פֿרוי;
צו באַלעבן דיין ליים,
דיך באַפֿרישן מיט טוי —
דו ווייסט ניט פֿאַר וואָס
און ווייסט ניט ווי אַזוי.

ב

פֿאַלט היים דיר ווען שווער
שווער ביז גערשעק —
צענאָגט דיך באַגער
זיך צו לאָזן אין וועג, —
אויף באַוואָקסענעם וועג,
ניט באַרירט פֿון מין מענטש

צו שטילן דיין באַנג
אין דעם איינזאַמען גאַנג —
דו ווייסט ניט צו וועם
און ווייסט ניט צו וואַן.

ג

שפּאַנסטו און שפּאַנסט
אויף אַלייניקן וועג,
ביז ס'פּאַנגט דיך דער חושך
אין צוואַנגען פון שרעק;
פאַרבלייכט זיך דער זין
פון פאַרוואָקסענעם שטעג,
ניט ס'זעט זיך דער ברעג
פון לאַנד אַ־וואו־הין —
דו ווייסט ניט צו־וואָס
און ווייסט ניט צו־וועז.

ד

און ווי אין אַ פּערז
פון וועמעס געדיכט —
דורך דיקן געפינסטער
העלט דורך ווייט אַ ליכט,
אַ ליכטל וואָס פירט דיך
באַגליקט, אומגעריכט,
— צו שטול און צו ווענט
— צו אַ מענטשנס געזיכט

דו ווייסט ניט צו וועם
און ווייסט ניט וואוהין.

ח

פרעפּלט דיין מויל שוין
צו יעדן: פאַרגיב!
און וואָס ס'איז אַמאָל
געווען ווייסט דיר און טריב
איז איצט, ווי דורך וואונדער,
דיר היימלעך און ליב:
(ווי נאַרער באַשאַף
איז נאָר דיר אַלץ צוליב) —
דו ווייסט ניט פאַר וואָס
און ווייסט ניט פאַר ווען.

ו

נייט אויף אין דיין זעל
אַ תפילה צו „אים" —
ס'ווערט פול יעדעם צעל
מיט אַ זמר צום שם —
דיין וועג איז צעהעלט,
ביזסט פריי פונם קלעם;
די הענט — אַ צענעם
און בוי זיך דיין וועלט —
דו ווייסט ניט ווי אַזוי
און ווייסט ניט פאַר ווען.

ז

אָון אַזוי קומט אַ טאָג —
דו ווייסט ניט ווי אַזוי —
דאָס גרוי פֿון דיין לעבן
איז דיר הימלעך אַזוי;
דיין גוף ווערט באַלעבט
און באַפֿרישט ווי מיט טוי;
און עס רייצט דיך די לוסט
צו דיין איינענער פֿרוי —
דו ווייסט ניט פֿאַר וואָס
און ווייסט ניט ווי אַזוי.

1944

פון מיין נאָכוואָרט צו דער ערשטער אויפלאַגע

פון בוך „וואַריאַציעס"

די מאָטיוון אין דער ליטעראַטור פון פעלקער זיינען איצט, ווי מיט טויזנט יאָר צוריק, די זעלבע. אין דעם מאָמענט ווען אין אַ וועלכן עס איז קינד פון אַ וועלכער עס איז אומה בליצט אויף דאָס געטלעכע פונק — אַ פונק, וואָס גיט אים קיין רו ניט ביז ער ברענגט ניט אַריין זיין קאָרעקטיוו אין דער געשטאַלטונג פון דעם אָדער יענעם מאָטיוו — אין אָט יענער רגע ווערט גע־באָרן דער שעפער־מענטש, דער דיכטער.

:: — ::

אין דעם דיכטערס לאַבאָראַטאָריע וועט דער פרומער פאָרשער געפינען פאַרשיידענע נוסחאותן פון דעם קאָרעקטיוו. אין זיין געראַנגל צו געבן געשטאַלטונג צו אָט דעם קאָ־רעקטיוו זיינעם, קומען צום לעבן ביי אים כלערליי בויגונגען פון זיין ליניע. אָט־די אַלע בויגונגען פון דיכטערס פאָרמע אויפן וועג פון געבן דער וועלט זיין קאָרעקטיוו פון דעם אָדער יענעם מאָטיוו זיינען וואַריאַציעס.

:: — ::

טענהט צו מיר אָט דאָס ערב־ביכל: ווי האָסטו דאָס האַרץ איצט אַרויסשיקן מיך, אַ פאַר׳יתומטן, אין אַ וועלט פון כולו־

ברוט? וואו איז דאָס סענזיטיווע אויער ביי וועלכן דו וועסט מיך קענען לאָנדן? ווער איז דער פריינט, מיט מאַכט אין זיין האַנט און מיט גאָט אין זיין הארצן, וואָס וועט מיך, אין רגע פון סכנה, אונטער שוץ זיינעם וועלן נעמען?

:: — ::

ענטפער איך מיין ערב־ביכל: אין ליכט פון כולו־ברוטס שאָטענען די שטיל־טרעטלענדיקע אַדעליגע. אין די צעפינ־טלטע היימען זייערע וואכן די אָנגעשפּיזטע אויערן פון די תמי־מים אויפן צאַרטן קול פון דעם נע־ונדניק. מיט בטחון אין דיין טראָט, מיט אמונה אין דיין קאָפּ וועסטו געפינען דעם מין מענטש־וואָס־נאָך־מענטש אַנגעגענען און וועסט זיכערן שוץ ביי זיינע שוועלן, די איינלאַדנדיקע, געפינען, געפינען.

י. ל.